STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10018

RADOSHITS

J. H. Radoshitzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ה. ראַדאָשיצקי

ראַדאָשיץ

לידער און פּאָעמען

אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע
„א י י ג ע נ ע“

ניו יאָרק, 1927

[illegible]

1927

ציכענונגען פון

פינחס סקורקא

טריאָ פרעס, אינק.
28 איסט 4טע גאַס
ניו יאָרק

פריש איז דאָס זאַמד פון נאַכט־רעגן
און שטילע — די וועגן.
בלאָ דער הימל און נאָנט
און בלאָ די קאָרן־בלימלאַך
צווישן די זוניקע בייטן.
און די כאַטעס, אויסגעשייערטע,
ביי די זייטן.
און די ביימער, גרין אויסגעצוואָגענע,
מיט ווייסע בליטן, איבער די פּלויטן,
און די ווייסע דאָרף־וועגן —
אויסגעוואַשענע, האָפּערדיקע —
צו די הימלען אַקעגן.
און דער אַקערמאַן
איבערן פולן היי־וואָגן
און דאָס פערדל אין שפּאַן —
אַלע, אַלע —
קומען מיר אַקעגן,
מיט קאָשיקעס, פרישע, גרינע, זומער־גרוסן —
פון מיין היים,
מיין אַלטער היים!...

פאַר אייך
די וואָס זיינען שוין אין שאָטן־זייט
פון דער ערד,
און פאַר אייך
וואָס זיינען נאָך מיט אונז
אונטער דער זון,
האָב איך מיינע שורות געזונגען.

עס בלענדט מיר אָקעגן, דאָס הייזל, דער גאָרטן,
דער איינזאַמער ווינקל וואו איך בין געבוירן;
און בלאָע פאַרנאַכטן, און העלע פרימאָרגנס,
לעבט אַף צריק מיין שטעטל בא מיר אין זכרון.

אין שטעטל דאָרט שטייט נאָך מיין הילצערן וויגל,
דאָרט לעבט נאָך די באָבע וואָס האָט מיך געוויקלט,
געקושט מיינע גלידער און היים מיך געבאָדן,
געוויגט מיך, געזונגען: איי־לו־לו־לו, — געציקלט.

עס שוועבט נאָך פאַר'חלומ'ט אַרום דאָרט מיין יוגנט,
מיין קינדישער גלויבן, איז ריין דאָרטן פאַרבליבן;
איך קאָן דיך, מיין אָרימע היים, נישט פאַרגעסן,
איך וויים נישט וואָס ס'ציט מיך — דאָך מוז איך דיך ליבן.

דאָס שטעדטעל

מיין קליין און אָרים שטעטל

מיין קליין און אָרים שטעטעלע —
איך זע דיך פאַר מיר קלאָר;
איך האָב שוין לאַנג פאַרלאָזן דיך
שוין באַלד צוויי צענדליק יאָר.

דאָך זע איך דיינע געסלאַך נאָך
און יעדן שטיין פון דאָרט,
די הייזלאַך קליין, ווי מאַרמאָר העל,
דעם ברונעם אַף זיין אָרט.

דער מאַרק איז רונדיק און פאַרצאַמט
מיט ביימלאַך, ווי אַ קייט;
פאַר יעדן הויז — אַ קאַשטאַן־בוים,
די קראָמען אַף, צעשפּרייט.

און מיכאַל, שטייט, דער טעמפּער גוי,
דער גוטער שבת־גוי, —
באַם ברונעם שטייט ער אָנגעשפּאַרט
און קייעט פויל אַ שטרוי.

און יאַן מאַרשירט אַדורך דעם מאַרק,
אַרומגעהילט אין זאַק
און אַף זיין אַקסל פינקלט אים
די גרויסע, בלאַנקע האַק.

דער וואַכמישטש שלעפּט זיך שיכור — לוט,
פון קראָם צו קראָם אין גאַס
און בייזערט זיך אַף יונג און אַלט,
אַף יעדן מלא כעס.

דעם נגיד'ס קוואָקע מיטן האָן,
מיט הינדעלאַך אין קרייז —
אַנטלויפן פאַר דעם שיכורן
און בלאָזן זיך אָן בייז.

דעם שטאָט־באָק, טרייבט מען מיט אַ דראָנג
פון בעקער'ס שטוב אַרויס,
ער מעקט זיך פאַנאַנדער הויך
די הערנער גרייט צום שטויס.



עס יאָגט נאָך דעם קצבֿ'ס הונט
און רוקט זיך פון דער זייט
און ביידע שטעלן זיך צום קאַמף—
אַף טויט און לעבן גרייט.

די קינדער לויפן זיך צונויף,
מען עפנט טויער און טיר;
ווי פריילאַך און ווי לעבעדיק
לייכט יענער טאָג פאַר מיר!

די שענק

אַ איד איז רב שכנא, — אַ סאָסנע, אַ פרישע:
באַזילבערט דעם קאָפּ ווייס, עס ווייסלט די באָרד שוין.
די אויגן בלוי־טיפע, באַברעמט, מיט פאָרהאַנגלאַך,
און ס'רויטלט זיך ס'פּנים אַרוים אים פון רחבות.
און שטאָלץ איז זיין שטערן, און ברייט זיינע אַקסלען
און גלייך איז זיין קערפּער און פעסט זיינע שפּרייזן;
און פרום איז רב שכנא, און פרום איז זיין ווייבל.
און אייביק איז פריילאַך און פול איז זיין „שיינקל":
די שיינק איז אַ רויטע, פון ציגל די מויערן,
דער דאַך איז פון קופּער, און ברייט — דער אַריינפאָר;
און ער מיט זיין ווייבל, — די „חוה", די צאַרטע —
וואָס שיינט פון די פעסער אַרוים ווי אַ שטערן! —
זיי היטן די שיינק, ווי אַן אוצר:
ער שטייט באַ די קראַנען און זי — באַ די פלאַשן,
ער גיסט אָן די קופּליעס, און זי פילט די גלעזער.
די קיכלאַך, דער הערינג — צעשפּרייט אַף די טעלער
פאַרלאָקן די פויערים, און קיצלען די פויערטעס...
די כלאָפּעס מיט גריוועס, ווי פערד פון די סטעפּעס,
מיט כאָלעווע שטיוול, אַרויף ביז די לענדן,

מיט אויערן צעגליטע, מיט העלזער, ווי אָקסן,
געפּאַלדלט פון פעטקייט, געגאָלטע און האָריק, —
זיי האַלטן די גלעזער און טרינקען ווי שלייען,
מען טרינקט און מען קושט זיך: „אַ, ברודערקע ליבער —
מיין קו האָט געקאַלבט זיך! אַ, יאַשו קאָכאַני!“
שלעפּט איינער אַרויס אַ האַרמאָנקע פון זעקל,
צעפּלייטלט אַ צווייטער: „פּיו, פּיו“ — אַף אַ פּלייטל.
און פול ווערט דאָס שיינקל מיט פריילאַכע טענער.
און אויפגעלעבט ווערן די מענער ווי דעמבעס:
פאַרפלעכטן זיך פאַרלאַך מיט הענט ווי די צווייגן;
פאַדבאַקים איין האַנט, און די צווייטע פאַרוויקלט —
אַרום פאַרן האַלז פון אַ רייצנדער גויע.
עס וואַרפן די טענצער אַראָפּ די „סוקמאַנעס“,
עס ווייסלט דאָס העמד זיך פון האָריקן קערפּער:
„יו־כאַ־כאַ! יו־כאַ־כאַ!“ — עס סקריפּען די ברעטער;
עס דוכט זיך, אַז שדים צעטרייסלען דאָס שיינקל;
אַ כאַפּ אָן די שיקסע אַרום פאַר די באַקעס,
אַ דריי זי אין דער לופטן, אַ טופּ מיט די שטיוול.
און ווער נאָר עס קען מיט די פיס זיך באַוועגן —
כאַפּט מיט זיך אין רעדל: „יו־כאַכאַ! יו־כאַכאַ!“
די אַלטע שוין גרויע, אַרום באַ די טישן —
זיי טרינקען און פּיפּקען מאַכאָרקע ציגאַרלאַך;
זיי בלאָזן די קנוילן ווי זילבערנע וואָלקן,
און קוקן מיט האַלב שוין פאַר׳שיכור׳טע אויגן —
אַהין צו די טענצער, וואָס ווירבלען צעבריקעט,
אַזוי ווי די זשרעבקעס צעבריקען זיך טיילמאָל
אַף לאָנקעס פאַרגאַסן מיט זונשיין און בלומען!
עס דוכט זיך, אַז יעדערער פוס האָט אַ פליגל:
זיי פליען צעפלאַטערט אין רונדיקע קרייזן,
די ברוסט ציט זיך פאַראויס, דעם האַלז אויסגעצויגן,
די גריווע צעשויבערט, די נאָזלעכער פייפן,
און קוים וואָס די פיס נאָר באַרירן די ברעטער,

און איינס יאָגט דאָס צווייטע, די פּאָדקאָוועס גלאַנצן!
אַזוי זען אוים ווילד די טענצער אין טאַנצן,
אין שיינק באַ רב שכנא.
און ער מיט זיין ווייבל, זיי מעסטן די קופּליעס,
דאָס ביר שוימט צעפּיאַנעט, עס טריפט פון די טישן
און פול ווערט דאָס שופלאַד מיט קופּערנע „דרייערס",
מיט „צערנערלאַך" ווייסע, ווי קאַרפּענע שופּן...
עס בליצט אַזש אין שיינקל, פון טענץ און געזאַנגען,
און פול איז דאָס שיינקל מיט טענער פון פּלייטל;
מיט טענער וואָס צאַפּלען, צעגאַסענע, האַרציק!
מיט קלאַנגען פון גלעזער, מיט געלבלאַכע רויכן...
אַזוי גייען וואָכן, די יאָרן פאַרשווינדן:
און שכנא ווערט עלטער און אינגער זיין ווייבל...
אַזוי גייען וואָכן, אַזוי לויפן יאָרן —
און אייביק איז ס'שיינקל פאַרפולט מיט געזאַנגען.

יאַריד

עס איז אין שטעטל אַ יאַריד:
די פורן קומען אָן;
די פויערים ברענגען אָקסן מיט,
די פויערטעס — הון און האָן.

און גאַס ביי גאַס איז פול און ענג —
מיט וועגן, פערד באַשטעלט;
און איבער אַלעם שיינט די זון
פון הימל קלאָר און קווועלט.

עס טומלט זיך אין יעדער קראָם,
מען לייזט פאַר נאַפט און טראָן;
אַ פויערל רופט: „גיב מאַכאָרקע!“
אַ צווייטער שרייט: „גיב מאָן!“

אין מיטן מאַרק, צעלויכטענעם,
פליט רונד אַ „קאַרוסעל“;
די שיקסלאַך רייטן אויף די פערד,
עס מיניעט באַנד און קרעל.

אַ „קאַטערינקע“ שפּילט: „נוט, נוט“,
טראָמפּעטערס שאַלן, ס'קלינגט;
אַ בעטלער זיצט באַם קלויסטער-וואַנט
און בעטלט פרום און זינגט.

ציגיינער פרואוון פערדלאַך אויס
און רייטן הין און צוריק;
בהמות מרוטשען, אַ געלאַרם,
פאַרטויבט די מאַרק-מוזיק.

קומט פאַרנאַכט, ווערט דאָס שטעטל פוסט,
דער טומל שלאָפט איין זאַכט;
עס שוועבט אַראָפּ מיט אַ געבעט
שטיל, בלאָ, די זומער-נאַכט.

זונטיק

זונטיק באַגינען, ס'צעשטראַלט זיך דער הימל,
ס'באַווייזט זיך די זון פריש אין גאָלדענע שטרייפן;
עס קומען די דאָרפישע מיידן — די פויערטעס —
באַהאַנגען מיט קרעלן, מיט בענדער און שלייפן.

די צעפ ריין געוואַשן, ווי שלאַנגען פאַרוויקלט,
אין בלומיקע טיכלאַך, ווי קרוינען, פאַרבונדן;
די באַקן דערוויטלט, ווי צייטיקע עפל,
צעשטראַלט און צעקווייטלט, פון פרישקייט דערצונדן.

די מענער, ווי פריסטער, אין ווייסע סוקמאַנען,
דערהייבן די קעפ שטאָלץ און ברייט שוואַרצע היטן;
די פנימ'ער, ברוינע, די גופים, ווי דעמבעס, —
פאַרשפרייטן די ריחות פון זאַנגען און בליטן.

אין רייען געפאַרטע, צופוס און אויף פורן,
פאַרפלייצן זיי ס'שטעטל פון אַלע פיר וועגן;
עס קלינגען די גלאָקן: גלין-גלאַן, גלאַן, גלין-גלאַן גלאַן!
און רופן די מחנות צו תפלות אַקעגן.

און פול איז דאָס שטעטל, פאַרטרונקען אין קלאַנגען,
עס דוכט זיך, די לופט און די הייזלאַך זיך וויגן;
עס נידערט די זון רויט אַליין טיפער און טיפער
אַראָפ צום בית-עולם, פאַרמאַטערט פון ניגון.

און טיף בין-השמשות, פאַרלעשט זיך דער מערב,
פאַרלאָזט מען דאָס שטעטל מיט בענקשאַפט און באַנגען:
— אוי דאַנאַ, אוי דאַנאַ! — פאַרשווינדן די פורן
אין זילבערנעם נעפל, מיט אומעט געזאַנגען.

די חתונה אין הקדש

עס האָבן די שנאָרערס
אַ מויד מיטגעברענגט זיך,
אַ מויד און אַ בוגרת,
אָן טאַטן, אָן מאַמען, אַ וויסטע יתומה:
מען מוז זי פאַר׳קנס׳ן!
אַ בחור, אַ שלעפּער, איז אויך מיטגעקומען: —
אַ זיווג פון הימל:
זי הינקט אַף איין פוס נעבאך אונטער
און ער — אַפן צווייטן —
דער זעלבער חסרון;
מען מוז צונויפפּאָרן צוויי זעלן פאַרוויסטע
אָן טאַטן, אָן מאַמען.
— גאָט, שענק זיי נאַר יאָרן!...

האָט דאָס הקדש אויפגעלעבט.
ווייבער רוימען אוים דעם קויט,
וואַשן ריין די שוואַרצע ווענט,
סקראָבען יעדעס ברעטל קלאָר,
בלאָטע פון אַ גאַנצן יאָר;
מאַכן שנאָרער ס׳בעדל ריין:
— ס׳וועט אַ חופה אָונטע זיין׳

ווערן אַלע ווענט באַצירט,
פול מיט טיכער איבערדעקט;
רויטע, גרינע, העל, באַבלימט!
קוקן בלומען פון די ווענט.
בליצן אויף די שויבן ריין,
שטראַליק בלענדט די זון אַריין,
זוניקט אַף דאָס בעדל, בליט,
יעדעס ברעטל זינגט צעגליט.

קומען ווייבער פון דער שטאָט,
ברענגען פיש און לעקאַך, טאָרט,
ברענגען פאַר דער כלה מיט —
ווער — אַ שירץ און ווער — אַ העמד,
ווער — אַ הויב און ווער — אַ קלייד.
ברענגט די רייכסטע פרוי אַ רינג,
גיט די כלה אַזש אַ שפרונג
אַף דעם לאָמען פוס, פון פרייד —
ווען מען ווייזט איר ס׳חופה-קלייד.

נעמען ווייבער זי אַריין
צו דעם בעדער אין דער שטוב.
צירט מען זי אין ווייסן אויס,
און מען פירט זי טובל זיין...
און עס פירט דעם רבינ׳ס ווייב
רייניקן דער כלה׳ס לייב.
ווערט דאָס מיידל בלייך און רויט —
רויטיקט זיך פאַרשעמט איר הויט.

ברענגט מען לאָמפּען פון דער שול,
בליצערס גרויסע, לאָמפּן צוויי.
הענגט מען זיי אין הקדש אויף,
יעדן אַף אַ שוואַרצן האָק.

ברענגט מען פון דעם רבינ'ם הויז
פאַר דער כלה-מויד אַ שטול —
אויסגעצירט מיט פּלוש — אַ טראָן!
שטעלט מען אים פון אויבן-אָן.
ווערט די כלה צוגעפירט
צו דעם טראָן, וויים אויסגעצירט.

קומען מיידלאַך — אָרים רייך,
אין דעם שענסטן קליידער-ציר;
יעדע מיט איר בליץ און בלענד,
יעדע מיט איר פרישן חן —
בייגט זיך צו דער כלה איין,
ווינשט איר מזל, ווישט איר גליק
מיט אַ שמייכל, ליבן בליק.

קומט כלי-זמר — באַס און פּויק,
פידל, קלאַרנעט און טראָמפּייט, —
צאָלט מען פאַר דעם ערשטן טאַנץ,
טאַנצן אַלע מיידלאַך מיט,
דרייען אַלע זיך אין ראָד,
דרייט זיך מיט די גאַנצע באָד,
פריילאַך טאַנצן אַלע ווענט,
פון די בליצערס ליכט פאַרבלענדט: —

זום, זום, זום און זום, זום, זום! —
פלעכט זיך, פאַרביק, אויס אַ קראַנץ —
מיידלאַך, טולפּען, בלומען פריש,
פאָרנוויז און פאָרנווייז —
דרייט זיך דרייט אַ צויבער-קרייז,
דרייט זיך, שוועבט אַ פאַרביק ראָד,
שוועבט און זינגט די גאַנצע באָד.
טאַנצט די מאַמע מיטן קינד —
לוסטיק יאָגט אַ ווירבל-ווינט.

ברענגען ווייבער טאָצן פול :
לעקאַך, שטרודל, וויין און טאָרט.
שימערט רויט דער קלאָרער וויין,
רויטער פון דעם מאָרגן-שיין.
טיילט דעם רבינ׳ס ווייב און טיילט.
בענטשן זי די אַלטע לייט.
בלענדט און בליצט איר אַטלעס-קלייד
און איר טשיפּעק טאַנצט פון פרייד.

קומען אידן, אידן פיל,
אַלטע זיידעס, לאַנגע בערד
און כאַלאַטן ביז צו דר׳ערד,
קומט דער שמש מיט און ברענגט
חופּה-שטאַנגען — דרענגלאַך פיר
און אַ חופּה — זייד און גאָלד !
שטעלט מען אויף די דרענגלאַך פיר
פאַר דעם בעדער׳ס שוואַרצער טיר,
האַלטן אונטער, פרום און באַנג,
יונגע לייטלאַך, יעדן שטאַנג.

אויפן טראָן, אין מיטן שטוב,
ווערט די כלה איבערדעקט,
רינגלען ווייבער איר אַרום,
אויסדערוויילטע קאַרפּן-קעפּ,
אויסגעפּוצט אין זייד און קרעפּ,
קריינצלאַך, פּערל פונם שטאָט,
איבערדעקט מען איר דעם קאָפּ
און מען שניידט איר אָפּ דעם צאָפּ,
שניידט עס איר דעם רבינ׳ס ווייב,
שניידט די האָר אָפּ ביזן לייב.

שטעלט דער בדחן זיך אַרויף
אַף אַ בענקל, מיט געזאַנג :

— כלה ליבע! — רופט ער פרום —
ביזט פאַר׳יתומ׳ט, טייער קינד,
ווי דער מאַמען, ווי און ווינד...
הייבט זיך אויף אַ כליפּעריי,
אַ געוויין, אַ העשעריי...
זינגט דער בדחן, זינגט און רעדט:
— כלה טייערע, בעט, אוי, בעט,
גיס מיט טרערן, היים און קלאַג,
היינט איז דאָך דיין חופּה־טאָג!
זיפצט די פידל, וויינט דער באַס
און די כלה יאָמערט הויך:
עלנט איז זי ווי אַ שטיין;
טויכן בילדער טריבע אויף —
פון איר מאַמען, פון איר סוף...
פון אַ קבר אַפן פעלד,
ערגיץ אין דער וויטער וועלט...

פון איר קינדהייט — אַך, אַ גרויל,
נעמט איר לייב אַרום אַ קעלט.
קליינערהייט אַף מיסט און קויט,
ווי אַ הונט, וואָס האָט קיין היים —
האָט זי הפקר׳דיק געלעבט:
ברויט געקליבן אַפן מיסט,
אַלע יאָרן אַפּגעוויסט.
שפילט זי זיך מיט קינדער אום —
ברעכט מען איר אַ פיסל קרום.

בלייבט זי לאַם און הינקט און וויינט.
ווער מען אַרט אַ יתומ׳ס טרער?
שלעפן ווייבער איר אַוועק
איבער דערפער, שטעטלאַך — העק,
מיט אַ טאַרבע אַפן האַרץ,

הייסט מען בעטלען איר — פאַר וועם
בעטלט זי טאָג איין טאָג אויס?
וואַקסט פון איר אַ שלעפּער אויס.
וואַנדערט זי מיט לאַמערהייט
מיט די שנאָרערס מיילן־ווייט.

וואַנדערט זי יאָר־איין יאָר־אויס,
און די יאָרן לויפן גיך.
וויינט אין איר דאָס האַרץ און וויינט,
רינען אירע טרערן שטיל
אַף די וועגן, וואו זי גייט.
פילן בעטלער מיט איר צער,
זוכן אויס פאַר איר אַ יונג,
איז ער לאָם און שטום די צונג,
און מען שטעלט אַ חופה איר
פאַר דעם שטעטל'ס הקדש־טיר.

צינדט מען ליכטלאַך אָן, עס בלענדט,
דוכט זיך, אַז דאָס הקדש ברענט.
און די חופה — אויסגעשפּרייט —
רויטלט פאַרן הקדש גרייט.
שטייט דער חתן אונטער איר
אין אַ קיטל, שטאַר און קאַלט;
עפּעס שטייט ער ווי געלעמט,
טיף אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרשעמט.
איז דאָס בלוט אין אים פאַרשטאַרט?
צי פון גורל אָפּגענאַרט?...

פירט מען פון דעם באָד אַרויס
איבערדעקט די כלה־מויד,
שפּילט כלי־זמר — טאַ־טאַ־ראַ־ראַ!
און די מיידלאַך, יונג און פריש,

טראָגן פאַקלען ליכט פאַראויס;
ווייבער, קינדער, קעפּ אַף קעפּ;
און דער עולם אַפן גאַס,
יונגע יאַטן, פול מיט שפּאַס,
שטופּן ענג זיך אין געדראַנג,
ציטערט יעדער חופּה־שטאַנג.

שטראַלט די חופּה אויף פון ליכט,
גליט דער אַטלעס פּורפּור־רויט;
ס׳דוכט זיך, אַז דער הימל גליט,
פול מיט שטערן אויסגעצירט.
פּלוצלינג קומט אַ פּחד אָן
ערגעץ פון די פעלדער העט:
אל מלא רחמים! — — —
בלייבן אַלע הייזער טריב,
שוועבט אַוועק יעטוועדעס וואָרט
מיט אַ קרעכץ צום „גוטן־אָרט“;
זעט מען שאָטנס, צאַנקט אַ שיין
און מען הערט אַ שטיל געוויין...

מזל־טוב!
שפּילט אַ פריילאַכס, שפּילט מוזיק,
אויפגעהייטערט און דערפרייט
טאַנצן אַלע, טאַנצט דאָס גליק,
טאַנצט מען פון דער חופּה צריק!
פאַקלען ליכט — דער הימל ברענט
ווייבער פּאַטשן מיט די הענט:
— מזל־טוב דעם יונגן פּאָר,
לייכטן זאָל אייער מזל קלאָר!
און די שנאָרערס, טויב און קרום,
האָפּסן אונטער מיט געזום:

זום, זום, זום, זום —
שפּילט די מוזיק, טאַנצט די פרייד;

נעמען אָן זיך פאַר די הענט
אַלע ווייבער — אָרים, רייך,
און דעם רבינ'ס ווייב אין מיט
טאַנצט אַ פריילאַכס: האָפּ, האָפּ, האָפּ! —
קלויסטערס איז באַ אונז נישטאָ!
גאָט איז אויבן, גאָט איז דאָ!
ווער מיר אָרים? וואָס מיר רייך? —
אַלע קינדער ליבט ער גלייך!...

טראָגט מען ס'גילדערנע הינדל צו
אַף אַ טאַץ דעם יונגן פּאָר:
— מזל-טוב אייך! מזל-טוב!
פירט מען ביידע גיך אַריין
אין אַ חדר, קלאָר און ריין,
בלייבן זיי אַליין אין שטוב,
קוקן זיך אָן פרעמד און ליב,
פאַלן ביידע צו צום טיש,
עסן לעקאַך, טאָרט און פיש.

און דאָס הקדש זומט און זינגט,
בעטלער טאַנצן, הויט און ביין,
קוליעס קלאַפּ: שטוק, שטוק, שטוק
און דאָס פייקל בימבלט צו:
— בים-בים-בים און בים-בים-בים!
קופּקעס, בענדער — ס'בליצט און בלענדט:
ס'האָט די שמחה זיך צעברענט.
ס'דרייט זיך אַ פאַר'שכור'טער ראָד,
דרייט זיך מיט די גאַנצע באָד.
צימבלט מען אין פויק אַריין
ביז דעם גרויען מאָרגן-שיין...

— — — — — — — — — — — — —

לײמיק איז דער װעג

לײמיק איז דער װעג אַרױף צום רבינ'ס בנין,
נעבעכדיק די הײזלאַך, גרױ און אָרים;
דאָרע װענט פאַרשמירט, פאַרזונקען אין רעיונות.
נאַקעט איז די גאַס און פול מיט קױט און גריבער.
רעגנט — יערן אױף די זומפּן —
בלײבן קינדער שטעקן...
קומען פירן —
שלעפּן זיך די פירן, דורך די װיסטע בלאָטעס,
פול מיט װײַבער
און די װײַבער שרעקן.
װעקן אױף די שטילקײט, בײטש-קנאַלן װעקן:
װי־אָ! — — —
און די פערדלאַך פּראַכן מיד פון װײַטע װעגן.
זומפּיק איז דעם רבינ'ס גאַס
און לײמיק נאָך אַ רעגן.

אין רבינ׳ס הויז

טונקל איז די לאַנגע שטוב וואָס פירט צום רבינ׳ס חדר,
גרוי די ווענט און אומעטיק די טישן.
זיצן אידן אַלטע באַ די טישן,
שרייבן פּרום און זיפצן.
ברענען לאָמפּן אַפן סופיט אָנגעהאַנגען, —
קראַנקע לאָמפּן, —
פאַלן שטרייפן ליכט, אַראָפּ אַף בערד ווי זילבער,
פאַלן שטרייפן ליכט אַף זייערע הענט, די דאַרע,
פאַלן זיי און שפּיגלען זיך
אַף ווייסע גענדז־פּעגס וואָס שרייבן
און פאַרשרייבן נעמען און בקשות.
און די ווייבער וויינען מיד פון צרות, וויינען:
— רבי, העלפט!
וויינען אַף די ווייסע ווענט די שאָטנס מיט
און ווישן זיך די אויגן.
וויגן זיך די שאָטנס בערדיק
אַף די גרויע ווענט פאַרצערטע,
קלאַפּן אָן אין רבינ׳ס טיר, די זיפצן,
האַלב פאַרשטאַרטע:
— רבי, העלפט!...
און די נאַכט קוקט שטום אַריין, אַ פינסטערע,
אָן גלויבן,
און אָטעמט אויס איר לעצטן אָטעם צאַנק
אַף בלינדע שויבן.

אַ מת אין שטעטל

אַ קאַשטאַן־בוים — רעכטס, אַ קאַשטאַן־בוים — לינקס,
דאָס שמיד־הויז, פאַרויכערט, — אין מיטן;
אַ וואָגן — פון לינקס, אַ וואָגן — פון רעכטס
און האַרט ביי דער וואַנט צו — אַ שליטן.

דער שמידער — אַ זקן, אַ גרייז־גרויער מאַן,
פון אַלטקייט געגרינצלט די באַקן;
הענט, פינגער און מוסקול צעקרימט און צעקאַרבט,
פון יאָרן געבויגן דער נאַקן.

דאָך שטייט ער באַם אַמבוס, דער האַמער אין האַנט,
— קלינג, קלאַנג, גלאַנג! — ע ספּליען די פונקען;
קלינג־קלאַנג—אויף, קלינג־קלאַנג—אַפּ — באַוועגט ער זיך גיך.
צעפרייכט ער, אין שוויים איינגעטונקען.

קלינג־קלאַנג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג־קלאַנג — אַ גלאָקן־געקלאַנג
צעשפּרייט זיך פון האַמער דאָס שלאָגן;
— שמיד פעסטער די אַקסן, צוים פעסטער דאָס ראָד —
מאָך גרייט פאַר די מתים אַ וואָגן...

דער אַלטער צעיאָגט זיך, אַ ראָד נאָך אַ ראָד,
דער וואָגן וועט באַלד זיין געענדיקט;
שוין זיינען די אַקסן צוזאַמענגעשרויפט,
די אַרבעט איז באַלד שוין געבענדיקט.

*

איינמאָל אין אַן אָוונט, אַ פינסטערע נאַכט,
קראַנק איז ער און מאַט איינגעשלאָפן;
דער ווינט האָט געפיפן, דער ווינט האָט גערוישט,
געקלאַפט אין די שויבן, גערופן:

— העי, אַלטער! הער, אַלטער! ער וואַכט אויף: ווער רופט?
און קאָן מיט קיין אבר נישט רירן;
שטאַר קוקט ער צום פענצטער און — גאָט! וואָס ער זעט:
צוויי מתים... — ער הויבט אָן צו פרירן.

ער הערט אַ געיאָמער, ער הערט אַ געשריי,
עס ווינקט אים אַ טויט-בלייכע צורה —
אזוי ווי עס וואָלט ווער אַ טויטן געטריי
באַקלאָגט און באַגלייט צו דער קבורה...

ער רייסט אויף די אויגן, ער קוקט און ער צאַנקט, —
ווי שטיל מיט אַמאָל ס'איז געוואָרן:
דער הימל אַ שווארצער, אין חושך פאַרבלאַנקט,
די נאַכט האָט אַ צווייטע געבאָרן.

די אויגן זיי ברעכן, זיי פאַלן אים צו —
און פול ווערט מיט מתים די קאַמער...
ווי שרעקלאַך זיי רופן: געקומען די שעה —
שלאָף, אַלטער, פאַרשטום מיט דיין האַמער!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס דרימלט דאָס שמיד-הויז אין נאַכט איינגעהילט,
פאַרמאַכט אַפן פרענט איז דאָס טויער;
דאָס פייער אין אויוון פאַרלעשט זיך און קילט,
עס שוועבט אין דער פינסטער אַ טרויער.

— זום, זום, זום — האָט עפּעס פון אָרט זיך גערירט,
און איבער די ווענט זיך צעצויגן...
פון אַש זיך די פונקען געהויבן, געשנירט
און איבער די פּוסטקייט צעפלויגן.

— פו, פו, פו — דער בלאָז־זאַק צעכאָרכלט זיך קוים,
דעם לעצטן פאָך פייער פאַרשלונגען...
אַ קרעכץ האָט געציטערט אין פינסטערן רוים,
גע׳גוסס׳ט אַ ניגון אין זינגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ווינט האָט געפיפן, דער ווינט האָט געקלאָגט,
דער ווינט מיט׳ן קוימען — די וידוי געזאָגט,
די ביימער — זיי האָבן געזיפצט און געלוישט:
— אַ מת איז אין שטעטל — די צווייגן גערוישט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —



שבת

אידן

אידן באַבערטע,
מיט פּיאות געקרייזטע,
מיט אויגן קויל־שוואַרצע, —
פאַרבענקטע פון גלויבן,
מיט ליפּן בלוט־רויטע,
וואָס לויבן —
די וועלט מיט געזאַנגען;
אידן מיט שניי־ווייסע זאַקן,
ווי פּרינצן, מיט גאַרטלען באַהאַנגען,
מיט קערפּערס געליימערטע, ריינע,
מיט אויגן, וואָס שיינען —
באַם פאָרשן
און זוכן דעם אייביקן רעטער.
אַזוי ווי די געטער
אין דיכטער־לעגענדן —
טויכן זיי אויף העל און בלענדן
אַרוים מיר פון וויטן —
פון יענע פאַרגאַנגענע צייטן.

אין באָד אַריין

קערפּערס נאַקעטע,
אָפּגערונדיקטע, ווייסע,
ווי אויסגעהאַמערטע פון מאַרמאָר,
לייבער —
איינגעוויקלטע אין גליאיקע דאַמף-נעפּלען
איבער הייסע בענק-שטאַפּלען —
ווי אויפקוועלנדיקע רוימער...
און דער אַלטער שטאָט-שומר
מיט אַ געקרוינטן בעזים אין האַנט —
נידערט צו זיין האַר,
ווי אַ קעניג, קניענדיק פאַרן אַלטאַר:
דעם בעזים, צעפּאַרעטן,
מיט בלעטער גאָלדיקע,
גיט ער אַ דערהויב
איבער'ן אויסגעשטייפטן לייב,
און ציט אַראָפּ דעם דורכגעגליטן דאַמף-וואַל
און רייבט, רייבט דעם גוף.
אַזוי ליגן זיי,
ווי אויסגעמאַסאירטע רוימער,
אַמאָל, אין אַלטן רוים:
יעדער מיט זיין אויפגליענדיקן טרוים
פון ליבע און מנוחה...
און רייניקן זיך
און גייען אויף געלייטערטע
מיט בענקשאַפטן — — —

זון־זעצן

די זון פאַרגייט,
דער שבת קומט.
ווי אָפּגערייניקט איז דער מאַרק און לער.
עס שלעפּט זיך מיד דער אַלטער שמש צו
צו יעדער קראָם
און קלאַפּט אָן שווער:
— אין שול אַריין!
די זון פאַרגייט,
די לעצטע שטראַלן־שיין
גליט אָפּ אויף בוימער רויט,
א פורפור־ליכט הילט איין
די שטילע שטאָט;
די פענצטער פלאַמען־אויף באַגילט.
— ליכט צינדן!...
עס קולערט זיך דער רוף, הויך, הויך,
צוזאַמען מיט די ווייסע פליענדיקע טויבן,
העט, צום הימל־רוים אַוועק.
א לאַבירינט צעפינקלט זיך
פון פענצטער העל.
און פאַר יעדער שוועל
באַווייזן זיך די טעכטער ליכטיקע
מיט שמייכלען, ציכטיקע,
מיט פייכטע לאָקן, פריש, באַלעבט.
און שטיל, מיט ווייכע פליגל, שוועבט
אַראָפּ די זומער־נאַכט,
שטיל, שטיל, באַגריסט זי ווייט די וועלט.
און שטיל
שוועבן זומערדיקע בין־השמשות־ווינטלאַך,
זאַנפט און קיל
און כאַפּן אויף די טענער פון דער שול:
— לכו נרננה! — — — —

שבת אין דער פרי

שבת אין דער פרי:
אידן גייען זיך געלאַסן
אין די שטריימלאַך, שיך און זאָקן,
איינגעוויקלט אין די שלאָפּרעק —
רויטע, ברוינע, גרינע שלאָפּרעק
שפּילן זיך אין מאָרגן־העלקייט;
און זיי שפּרייזן, שטילע, ווי די פּרינצן,
צו דער שול־גאַס, צו דער מקוה, —
זיך צו טובל'ען.
און צעגאָסן ליגט די מאָרגן־שטילקייט
אַף די הייזלאַך, אַף די בוימער.
און דער קערער — קערט די גאַסן,
שאַרט צונויף די שטרויען און די בלעטלאַך;
הויבט זיך אויף אַ שטויב, אַ זילבער־וואָלקן, קנויליק,
ביז צום בלאָען, קלאָרן הימל
און צערינט, ווי רויכלאַך, אין דער ווייטקייט,
און די שטיינער דרימלען, דרימלען,
פון דער מאָרגן־זון באַשימערט;
הערט מען נאָר דעם בעזים סקריפּען
און דאָס וואורקן פון די טויבן:
טויבן ווייסע, זילבער־גראָע, רויטע —
לאָזן זיך אַראָפּ צעשפּרייט די פליגל
אַף די פּוסטע אָפּגעקערטע שטיינער
און זיי וואורקן, וואורקן —
שבת אין דער פרי.

נאָכן מאָלצייט

שבת נאָכן מאָלצייט —
טאַטע־מאַמע דרימלען
און דאָס קינד אין וויגל
שלימערט זיס און פֿריש.
צוגעמאַכט די לעדן, —
שפּיזלט דורך די שפּאַלטן
זוניק ליכט אַריין.
פֿאַלן, פֿאַלן שטרייפֿן,
שטרייפֿן, העל און גאָלדיק
איבער בעט און טיש.
שפּיגלט זיך דער אָפּשיין
איבער מאַמע׳ס פּנים,
איבער אירע ליפּן איינגעדרימלט ליב
רויט אַ ווייכער זון־שטרייף
אַף דעם טאַטנ׳ס שטערן

און אַ שבת־שטילקייט שוועבט אַרום אַף אים.
דרימלען מיט די לייכטערס
איינגעוויגט פון נחת,
אַפן ספרים־שענקל,
ווײַס פֿאַרטריפט פון ליכט.
שלאָפט דאָס ווייסע קעצל
אַפן פענצטער־ברעטל
רואיק, זאַט און שטיל.
אַלע פענצטער דרימלען,
ס'דרימלען די גאַרדינען
פון נאָכמיטיק־שטראַלן
היים אַדורכגעגליט.
נאָר די פליגן וואַכן,
זינגען נאָך די זמירות —
שוועבן דורך דער שטילקייט
מיט אַ זים געזום.
און די שטילקייט שלימערט
ווייך אין יעדן ווינקל,
מיטן קינד און וויגל —
איבער יעדן קריש.
שטיל אין זיסן דרימל —
רוען טאַטע־מאַמע
שבת נאָכן טיש.

שבת־שפּאַציר

ווי אַ ים אַ בלאָער
ציט זיך ווייט דער הימל
איבער אַלע דעכלאַך
פלאַך צום וועלדל'ס ברעג;
און די זון, ווי פייער,
קוילערט זיך געלאַסן,
זייטיק שוין, איר וועג.

זאַט און אויסגעשלאָפן
גייען אום שפּאַצירן,
אין די יום־טוב־קליידער,
יאַטן — יונגע לייט.
קעלנער ווייסע בלענדן,
די קאַמאַשן בלאַנקען,
און די אויגן פינקלען
אויף פון שטילער פרייד.

פֿאָרן זיך די שוסטער,
פֿאָרן זיך די שניידער,
אויך די בעקער פֿאָרן זיך צו צוויי,
אין מאַרק — אַהין און צוריק.
אַלע הערצער פֿלאַמען,
אַלע באַקן גליִען,
ווי די זון אין מערב,
פֿונם גרויסן גליק.
אַלע ליפּן שמועסן —
סודות, סודות, סודות —
פֿון אַ גאַנצער וואָך...

און די מיידלאַך שטייען —
רייען, רייען, רייען —
פֿאַר די ווייסע טויערן,
פֿלאַפּלען האַרציק, פֿלאַפּלען,
ציכטיק, אויסגעפּוצט.
און די קאַשטאַן־ביימער
מיט צעגרינטע צווייגן
פֿאַר די ווייסע הייזלאַך —
האָרכן, האָרכן, האָרכן —
שאָרכן, ווי גערירט.

פּלוצלינג — עס דערוואַכן
זיסע פֿייגל־טרעלן,
פֿון די גרינע נעסטן
גיסט זיך אַ געזאַנג.
פֿאַלן, פֿאַלן טרעלן,
פֿאַלן ווייסע בליטן
פֿון די גרינע ביימער
אַף די קלאָרע שטיינער —
מיט אַ ציטער באַנג — — — —

שבת־צונאַכטס

א חלום א ליבער,
וואָס צאַנקט און פאַרלעשט נישט...
טויט נאָר איז פייגל,
דער חלום לעבט אייביק.

קומט שבת —
זיצט פייגל פאַראײנזאַמט אין שטוב בא דער מאַמען,
מיט אויגן וואָס בענקען און ליבן —
און לייענט.

— ביכער ?! — דערשרעקט זיך די מאַמע —
אוי, האַרצעניו, לייען נישט, מען טאָר נישט...
און פייגל — זי פרעסט זיך צום האַרץ פון דער מאַמען
און ציטערט פון בענקשאַפט און ציטערט —

נו, לייענט זי.
לייענט זי פון ריטער, פון פרינצן און לאָרדן,
וואָס קומען צורייטן באַנאַכט צו די פענצטער
פון פריצישע הייזער.

די הייזער —
גראָטעסקן, מיט שויבן וואָס פינקלען באַנאַכט
דורך די ווייטן, ווי שטערן,
און וויגן דאָס מיידלשע האַרץ איין מיט טרוימען :
עס דרימלען די שומרים אַרום בא די זילבערנע טויערן,
עס לייכט די לבנה אַריבער די דעמבענע צווייגן,

עס ציטערן דופטיק די רויזן, די קעפּלאַך געזונקען,
אַרום מיט לבנה׳קער שטילקייט באַהאַפטן.
און שטיל, ווי אַ חלום, באַווייזט זיך דאָס מיידל:

— אָ, יאַנקו קאָכאַני!
זי שענקט אים איר זעלע,
דאָס האַרץ מיט, דאָס ריינע,
די ליפּן וואָס רויטלען
נאָך רייטער פון אויפגאַנג:
— אָ, יאַנקו קאָכאַני! — — — —

עס נעמט איר דער ריטער אַרויף אויפן פערדל,
אַזוי ווי אַן אָדלער, מיט פליגלען צעשפּרייטע,
יאָגט ער זיך דורך וועלדער אור־אַלטע,
ער האַלט איר געקלאַמערט
און גלעט אירע לאָקן
וואָס הענגען צעשויבערט אַראָפּ, ווי די צווייגן.
זי הערט אוים זיין שעפּטשען:

— מאַדאָנאַ! —
— צי זעסטו דעם ליכט־פּלאַס פון ווייטן?
דאָס וואַרטן דיך אָפּ דאָרט צוויי טויזנט מיט פאַקלען,
דאָס וואַרטן זיי אָפּ דיך, דיין קאָפּ צו באַקרוינען! — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

זי עפנט די אויגן:
אַ חלום אַ ליבער.
עס שלאָפט שוין די מאַמע, זי ליגט אין איר אָרעם.
עס זומט נאָך דער טשייניק און זידט אַפן אויוון.
עס רויטלען זיך גאָלדענע גלאָוונעס אין פייער.
עס ציטערט דאָס לעמפּל אין גאָלדיקן שימער.

אַ גאָלדיקער שימער קוקט באַנג פון די ווינקלען.
און אומעטיק דרימלט דאָס שענקל מיט ספרים.
אַ סקריפּ: —
די טיר עפנט אויף זיך, ס'באַווייזט זיך רבי אליה.
די באָרד איז פאַרשנייט ווייס, עס שימערט בריליאַנטיש.
זיין פּעלץ זיך פאַרווייעט, מיט פּערל באַהאַנגען.
עס שלענגלט זיך ווייס אויף דער רויך פון זיין ליולקע.
עס טריפן חלומות אַראָפּ פונם סופיט —
פאַרוואַנדלען די שטוב אין אַ פּאַלאַץ אַ ווייסן:
עס וויגן זיך פּאַלמען גרין, פריש, פאַרן פענצטער.
זי שטייט בײַ דעם פענצטער און וואַרט אָפּ איר ליבסטן.
עס קומט איר אַקעגן פון צווישן דיביימער
אַ בחור, אַ בלייכער, מיט אויגן וואָס לייכטן,
די קליידער פון אַטלאָס און שוואַרץ איז זיין כאַלאַט
וואָס וויקלט אַרום זיך זיין שלאַנק יונגן קערפּער.
ער שטרעקט איר די הענט אויס, —
זי גייט אים אַקעגן.
ער בייגט זיך אַראָפּ צו די שניי־ווייסע טולפּן,
וואָס דרימלען אין שאָטן,
און רייסט אָפּ צוויי בלומען:
— אַזוי איז מיין אומשולד...
איך ברענג דיר מיין ליבע,
אַ טאַטכער געקרוינטע פון אידישן יחוס!...
אַן נעפּל דערהויבט זיך, ער ווערט איר פאַרשוואונדן,
זי זעט קוים זיין פּנים,
זי הערט קוים זיין רופן:
— אַזוי זעט מיין האַרץ אויס — — — —
אַזוי איז מיין ליבע — — — — — — — — — — —

זי עפנט די אויגן:
אַ חלום, אַ ליבער, געצאַנקט —
און פאַרלאָשן — — —

אַ גוט־וואָך

שבת נאַכט.

דורך די פענצטער
לייכטן־אויף הבדלה־ליכטלאך
און שימערן אין מאַרק אַריין מיט האָפנונג.

כלי־זמר —
פידל, פויק און באַס,
דער קלאַרנעט און טראָמפּייט, —
פאַרקלייבן זיך, צו מחותנים,

אַ פריילעכס אויפצושפּילן.
זיי לאָזן זיך מיט פרייד אין שטוב אַריין,
ערשט צום נגיד,
צום פאָטער פון דער כלה׳ס צייט:
— גוט-וואָך!

און בצלאל קומט אַקעגן זיי מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
און שיינט פון אַטלעס-קאַפּאָטע אַרויס,
די שבת׳דיקע רואיקייט קוועלט און בלענדט
נאָך אַפן שטערן.

און דער בדחן פּאַטשט צו מיט די הענט
און זינגט און זינגט:
— שפּילט-אויף, אַ לעבעדיקס, שפּילט-אויף
לכבוד, לכבוד, די כלה׳ס צד,
דעם טאַטן, רב בצלאל׳ן, זאָל לעבן!

אַ גוטע, אַ מזל׳דיקע וואָך,
קלי-זמרים,לאָך, העלפט אונטער!
באַם, בים, ביי, ביי, באַם, בים, ביי, ביי, —
שפּילט לעבעדיק און מונטער!

און די פידל, באַס און פּויק
צעלאָזן זיך, —
אַ פריילאַכס ווערט געשפּילט,
די ווענט און טישן בענק —
זיי לייכטן מיט און זינגען מיט:

— אַ גוטע וואָך,
אַ מזל׳דיקע וואָך, —
שפּילט-אויף לכבוד, לכבוד,
דער מאַמען פון דער כלה, זאָל לעבן! — — — —

אבות

די באָבעס הייזל

דאָס הייזל, וואו מיין באָבע וואוינט,
איז איינגעהויקערט, אַלט,
די יאָרן קאָן מען ציילן אים
אין יעדן טיפן שפּאַלט.

דער שינדלדאַך איז גרין פון מאָך,
דער טויבן-נעסט איז פריי,
אַף יעדער שינדל זיצט אַ טויב
מיט אַ געוואורקעריי.

דער גרויער קוימען איז פאַרקרומט,
פאַריסט, — אַ שוואַרצער גע'ץ;

עס שפּרינגען אַף אים טאָג און נאַכט
אַרום די שכנים'ס קעץ.

די וואַנט, געקאַלכט און פריש געמאָלט,
די בלאַנקע שוועל אָן זייט;
די גלאָז-טיר געוואַשן ריין,
צום סקאָצל-קומט — געגרייט.

די פענצטער קרום, געקערט צום ברוק,
די שויבן שפּיגל-גלאַנץ;
די בלומענטעפּ, מיט רויזן פול,
פאַרפלאָכטן אין אַ קראַנץ.

און נאָנט באַם טרעפּל ליגט אַ שטיין,
אַ שטיין ווי יעדער שטיין,
פאַר מיר נאָר איז ער אַ בריליאַנט
וואָס שטראַלט אין מיר אריין.

אין וויפיל שיינע זומער-נעכט,
פאַרנאַכט, נאָך זון-פאַרגאַנג, —
געזעסן בין איך אָפן שטיין
פאַרטיפט אין מיין פאַרלאַנג.

מיין קאָפּ דערהויבן אין דער הויך,
צום הימל מיט מיין בליק:
צווישן שטערן וואַנדער איך,
דאָרט זוכנדיק מיין גליק.

איך האָב מיין קאָפּ אַוועקגעלייגט
אַף אים, גע'חלומ'ט שטיל:
דער קאַלטער שטיין האָט אָפט געפילט
צו וואָס איך בענק און ציל...

די באָבע זיסעלע

איך זע די באָבע זיסעלע,
באַנאַכט, מיט איר לאַמטער:
זי שפּאַנט צו אַ געווינעריין
און זיפצט פאַראומערט, שווער.

און נאָך דער באָבען שלעפּט זיך נאָך
אַן אויסגעבלייכטער איד;
ער געניצט: אַ־אַ־ה; — עס געניצט אָפּ
דער עכאָ, קאַלט און מיד.

מען עפנט ערגיץ אויף אַ טיר,
אַ קרעכץ צעהילכט אין לופט:
„קומט גיכער, באָבע זיסעלע!" —
אַנטלויפט דער איד און רופט.

דער נאַכט־סטרוזש קומט אַקעגן, גרוסט,
עס בילט זיין הונט פון פרייד,

און פלאָנטערט זיך פאַר אירע פיס,
פאַרטוליעט זיך אין קלייד.

„אָך, באַבקאַ!“ — קוועלט דער אַלטער מאַן
„מיין אַרבעט קאָנט איר דאָך?
מאַסיווע וויגלאַך האָב איך שטיין —
זיי נוצן זיכער נאָך“...

„איר זעט די הענט? איך בין נאָך שטאַרק,
חלילה נאָך ניט בלינד;
אַ דור פאַרזאָרגט, געבליבן איצט
אַליין דאָך מיט מיין הונט...“

זי קוקט דעם אַלטן אָן פאַר’צער’ט,
און מורמלט שטיל און בלייך:
„זאָל אַלץ אַריבער נאָר מיט גליק,
כ’דערמאָן זיך אָן דיר גלייך“.

דער געלבער שיין פון איר לאַמטער
פאַלט מאַט אַף יעדער מויער
און שאָטנס אַפ די אַלטע שוואַרץ,
ווי איינגעהילט אין טרויער.

אין געלבליך פינקלט אַפ דאָס ליכט
מיט גלאַנץ פאַר אירע טריט;
די באָבע איילט, זי יאָגט זיך צו —
אַ שאָד איר אַ מינוט.

דאָס שטעטל שלאָפט, דאָס שטעטל טרוימט,
אַ טירל סקריפּעט זאַכט;
באַזילבערט פון לבנה־שיין
פאַרהילט זיך אַלץ אין נאַכט.

די באָבע גייט

די באָבע גייט, די באָבע גייט,
די באָבע זיסל קומט!
„גוט-מאָרגן!“ — גריסט זי יעדן פריש,
און גיט יעטוועדן קינד אַ קוש
און איילט אַוועק געשווינד.
דער מאָרגן בלענדט, די ביימער בליען;
עס פּעכלט קוים, עס לופּטערט ווייך
אַ מילדער זומער-ווינט.

די באָבע גייט, די באָבע גייט:
„פון וועמען קומט איר איצט?“
די באָבע ענטפערט אָפּ פאַרקלערט:
„מיט נאָך אַ קינד איז קהל געמערט!“
און קנאַקט צו מיט דער צונג:
„איי, איי, אַ שיינע זומער-נאַכט,
ביי בערל פישער דאָרט פאַרבראַכט —
און קוים געפּאַקט דעם יונג!...“

די באָבע גייט, די באָבע גייט,
ס'לאַמטערל נאָך אין האַנט;
פאַרשמאַלצן איז עס פול מיט ליכט,
עס הענגט דער שלאָף אַף איר געזיכט,
אַף יעדן פאַלד פון קלייד;
פאַרשלאָפן זיינען אירע טריט,
דאָך איז איר האַרץ פון פרייד צעגליט
און שטראַליק איר געזיכט.

די באָבע גייט, די באָבע גייט,
דאָס הייזל וואַרט אַף איר;
די לאָדנס זיינען צו פאַרמאַכט,
דאָך שיינט די זון העל אָפן דאָך;
די טויבן וואָרקען: אַר-רו-רו —
זי מאַכט די טיר אויף, שלייכט אַריין
און שליסט זיך אין איר שטיבל איין:
— גאָט, שענק די באָבע רו!

די באָבע'ס חלום

אַ פידל הענגט אין באָבע'ס שטוב,
אַן אַלטע, שוין פון לאַנג;
די באָבע חלומ'ט אָפּט: זי הערט
דעם זיידנ'ס פרום געזאַנג.

ער דריקט די פידל צו דער ברוסט,
ציט לייכט דעם דינעם בויגן;
ער זינגט „המבדיל" — ווי שיין ער זינגט,
די טענער ווייך צעצויגן.

די בשמים-ביקס פאַרשמעקט די לופט,
אַן אמת'ער גן-עדן!
דער זיידע זאָגט... די באָבע — בעט:
„זאָלסט, גאָט, אונז נישט צעשיידן..."

דער זייגער שלאָגט: קלינג-קלאַנג! קלינג-קלאַנג!
ווי אומעטיק און זאַכט.
דערשראָקן האָט די אַלטיטשקע,
פון שיינעם טרוים דערוואַכט.

זי קוקט זיך טריב אַרום אין שטוב:
ווי טונקל איז, ווי שטיל;
עס הערט זיך נאָר דעם זייגער'ס „טיק",
דאָס גרילצן פון דער גריל.

און פּלוצלינג, דורך דעם גרויסן אויג, —
דעם לאָדנ'ס רונדן שפּאַלט —
פאַלט ליב אַריין אַ העלער שטרייף —
אַ בינטל גאָלד צעשטראַלט.

די באָבע וואַשט די הענט און זיפצט:
„אַ דאַנקן גאָט, עס טאָגט!"
נאָר טיף אין איר פאַר'יתומ'ט האַרץ
נאָגט איר דער צער און נאָגט...

די באָבע׳ס שכן

רב שבתי הייסט מיין באָבע׳ס פריינט,
אַ זקן, פרום און טריי;
דריי ווייבער האָט ער שוין געהאַט,
אַ סמאָלע־קראָם דערביי.

און אַף דער עלטער האָט אים גאָט
אַ פערטע צוגעשיקט;
אַ אידענע מיט מעלות פיל
האָט פריש זיין האַרץ באַגליקט.

זי קיכלט אים און פירט די קראָם,
די קראָם אין ווינקל־מאַרק;
זי האַנדלט סמאָלע, זעקלאַך הירזש
און אויך מיט עסנוואַרק.

די קראָם איז פול: מיט זאַפּאַלקעס,
מיט אייל, מיט נאַפט און טראָן;
מיט בייטשן, זאַלץ, מיט מאַכאָרקע,
מיט פּאָדקאָוועס און מאָן.

און איז אין שטעטל אַ יאַריד,
דער רונדער מאַרק ווערט פול;
צעזעצט זיך ברייט דער אַלטער מאַן
באַם קרעמל אויף אַ שטול.

דעם לאַנגן ציבעק פעסט אין מויל,
די גרויע באָרד צעשפרייט;
ער בלאָזט פון זיך די קנוילן רויך,
פאַרקוקט זיך ערגעץ ווייט.

די אידענע — פאַרהאָרעוועט,
מיט קונים שטאַרק פאַריאָגט;
פאַרהאַנדלט צו די פויערים
אַלץ וואָס נאָר זי פאַרמאָגט.

דערזעט ער עס, צעשמייכלט ער
און גלעט די באָרד, זיך פּוצט;
די זון באַשטראַלט זיין פּנים העל,
צערייטלט און צעהיצט.

פאַר'חלומ'ט זיצט ער, ווי אַ קינד,
דעם ציבעק אינם מויל;
פאַרוויקלט זיך אין זילבער־רויך,
ווי אין אַ וואָלקן־קנויל.

נאָר ווען אין שטעטל שטילט זיך איין
דער שכור'ער געזאַנג,
פון איבער פעלדער הערט זיך שוין
דער לעצטער עכאָ־קלאַנג: —

דערהייבט ער זיך, די פּייפּ אין האַנט,
פאַרקוקט צום מערב־זייט;
פאַרמאַכט די קראָם און איילט אין שול —
ס'איז שפּעט, שוין מנחה־צייט.

די אַלטע צינדט דאָס לעמפּל אָן,
ציילט אוים און איבער ס'געלט;
און אויף איר פּנים רייטלט זיך
דער לאָמפּן־שיין און קוועלט.

זי קאָכט דאָס וואַרימס אָפּ געשווינד,
דאָס טעפּל זומט און זידט;
זי גרייט דעם טיש מיט בראַנפן, ברויט,
דעם הערינג אין דערמיט.

און קומט דער אַלטער נאָר אַהיים,
פאַרכאַפּט אים דער געשמאַק;
דערפרייט ער זיך: — אַ דאַנקן גאָט,
פאַרזאָרגט מיט האַק און פּאַק...

וואָס איז אַ דור

וואָס איז אַ דור, צי דורות, פאַר די אייביקייטן —
באָבע מיינע?

איך חלום:
ס'טויכן אויף, פּאַנאָראַמען, פּראָצעסיעס, בילדער:
חופּות, גלעקלדיקע, פּורפּורנע,
סאַקראַמענטן,
קאַרדינאַלן —
אונטער חופּות גליענדיקע,
מחנות קעפּ, שוואַרצע, בלאָנדע,
תפלות שאַלן, גלאָקן קלינגען,
צלמים, פּענער, בענדער, שאַרפן —
אונטער פּיס פון הייליקע מאַדאָנען,
יעזוסן געקרייציקטע צום קלאָץ,
די קעפּ געזונקען
און ס'בלוטיקן די וואונדן...

— — — — — — — — — — — — — — —

איך וויים:
אַ צובער־באַנד האָט צוגעבונדן
מיך צו דער ערד אין שטאָט
און צו די שאָטנס דאָרט
וואָס וואָגלען אום פאַרטרויערטע.

שליס איך מיינע אויגן, זע איך:
מענער,
אין שוואַרצן אַטלעס־כאַלאַטן געהילטע,
אַרומגעשנירט מיט גאַרטלען בלאָע,
ווייסע זאָקן, לאַטשן שוואַרצע,
שטריימלען סויבלנע,
קאַשקעטן הויכע,
קעפּ ווי זילבער גראָע,
לאַנגע לולקעס, — רויכן, רויכן

הויכע פּאַטריאַרכן, —
וואָס דו מיט דיינע הענט האָסט זיי
נאָך אָפּגענומען פונם מוטער-לייב,
פאַר זיי דאָס ערשטע ליכט אַנטפּלעקט,
די זון זיי אָנגעצונדן!...
איך וויים —
אַ צויבער-באַנד האָט צוגעבונדן
מיך צו דיין יחוס'דיקן דור —
אַ, באָבע מיינע!

פרעגט מען

פרעגט מען:
— באָבעטשקע, ווי אַלט זיינט איר?
עפנט זי די אויגן גרויס און שמייכלט ליב:
— איך צייל נישט...
פרעגט איינער:
— אַכציק, אפשר, באָבעניו?
וואַכט זי אויף:
— וואָס איז אַכציק?
— ניינציק, אפשר, באָבעלע?
חלום'ט זי,
ווי אַ הינדעלע, זוכנדיק אַ קערנדל אין פעלד:
— וואָס איז ניינציק?
— הונדערט, אפשר, מאַמעלע?
ווערט זי בייז:
— ווער געדענקט? —
גיי, פרעג בא גאָט...

דיין פּנים

קוק איך אַף דיין פּנים,
באָבע מיינע:
אַף דעם צער פון דיינע גרויסע אויגן,
אַף דער מאַמאָר־ווייסקייט פון דיין שטערן,
אַף די פאַלדן טיפע —
אויסגעקאַרבטע יאָרן פון דיין זיקנה:
הונדערט אַכט —
זומערן און ווינטערן:
זע איך —
שווער מוז זיין די לאַסט
פון אויסגעצערטע טעג, —
לאַסט פון שטאַרבנדיקע צערן...
דערמאָלט
זע איך וויינען דיך אין גרוב אַריין:
— אָ, מרים!
פאַלן דיינע טרערן אַפן שטאַרן יונגן לייב,
נישט אויסגעלעבטן, פון דיין קינד.
די טרערסט... טרערסט...
און דאָס בערגל זאַמד —
וואָס העכער ס׳ווערט —
אַלץ טיפער ווערט באַגראָבן דאָרט
דיין פרייד, אַף אייביק...
באָבע מיינע!

איר נאַכט־געבעט

אויסגעטרוקנט און איינגעבויגן,
מיט פאַרזשמורעטע אויגן,
פאַרלאָשענע, טריב,
האַלב־אויסגעטאָן, אין קליידער ווייסע,
אין די נאַכט־לאַטשן אָנגעשטעקטע,
אָנגעשפאַרט אָפן בעט,
זיצט די באָבע זיסעלע אין בעט:
— אל מלך נאמן, שמע — — — —
דאָס נאַפט־לעמפּל זשיפּעט קוים, צאַנקט.
און די באָבע, האַלב־דרשימדרשענדיק,
דאַנקט, דאַנקט,
פול נאָך מיט האָפענונג:
— אל מלך נאמן, שמע — — — —
און אַזוי ווי אַ שאָטן, מידער,
שלעפּט זי די אברים צו
צו דער שלאָפנדיקער טיר,
שטרעקט אוים די הענט, ווי צווייגן נאַקעטע,
צו דער מזוזה
און קושט איר זיבן מאָל:
— אל מלך נאמן, שמע — — — —
שענק נאָך אַ טאָג, גאָטעניו, שענק!...

און איז דיין איינִיקל אַרויס

באָבע —
איז דיין איינִיקל אַרויס,
אַ ריטער אַף אַ פערד, מיט אַ ביקס אין האַנט,
פאַר זיין היים און לאַנד
אין קאַמף אַריין.
איז אָנגעקומען, ווי אַן אָדלער, גיך,
אַף אַ פערד אַ קליינס, אַ פרייהייטס־ריז,
מיט אַ לאַנגן שפּיז,
פון סאָוויעטן־לאַנד און —
פיף, פאַף...
און מיט אַ קרעכץ, נאָר — אוי! —
געפאַלן איז דיין איינִיקל, ווי אַ סנאָפּעק שטרוי,
אין פעלד, פון שניטער'ס סערפּ.
און נעבן אים, געפאַלן איז זיין יונגער פערד
און ביידע צוגעטוליעט זיך
צו דער מאַמען ערד —
פאַר פוילן!...

דער עלטער-זיידע

פלעגט אומעטיק ווערן דעם זיידן

פלעגט אומעטיק ווערן דעם זיידן רב אהרן.
אין שטוב איינצוזיצן פאַר'יתומ'ט און איינזאַם:
נעמט ער זיך דאָס זעקל אַרויף אַף דער פּלייצע
און וואַנדערט אַוועק איבער וועגן, און זוניקע וועגן.
קוים עפנט דער זומער פרימאָרגן נאָר אויף זיינע ליכטיקע ברעמען,
דער גאָלדיקער אויפגאַנג לאָזט ווייך זיך אַראָפּ אַפן אָרימען שטעטל —
שלייכט שטיל זיך אַדורך מיט זעקל דער זיידע;
אַזוי ווי אַ שאָטן אַ גרויער, אַדורך שטיל די איינזאַמע געסלאַך;
נו, וואַנדערט דער זיידע און וואַנדערט בשלום,
ער זינגט זיך אַ ניגון און קוקט פול מיט בענקשאַפט
אַהין צו די שטילע, פאַר'חלומ'טע וועגן.
עס וויקלען זיך וויים די שאָסייען און רופן אים זוניק
און רופן.
די הויכע טאָפּאָלן, זיי קייטלען זיך גרין באַ די זייטן
און זינגען מיט ליכטיקייט, זינגען! —
ציט אוים זיינע הענט צו די הימלען, דער זיידע:
„אוי, גאָטעניו, טאַטע, ווי גרוים איז דיין וואונדער!"
עס עפנט זיך דעמאָלט זיין האַרץ ברייט מיט ליבע צו פּוילן,
אַזוי ווי די ליכטיקע הימלען, וואָס ציען זיך העל און צעזומערט
אַריבער די פעלדער און וועלדער צעבליטע.
באַגעגנט דער זיידע אַ פּירל, צוויי אָקסן־געשפּאַן,
וואָס שלעפּט זיך און שלעפּט זיך, אַזוי ווי אַ חלום אַ ליבער —
שרייט פריידיק דער זיידע אַקעגן:
„דזשיענדאָברי, מיכאַלקו!"
דאָס פּויערל, וואָס זיצט אַפן וואָגן פאַר'דאגה'ט —
כאַפּט אויף זיך פון דרימל און גריסט אים:
„דזשיענדאָברי, ניעך בענדזשע!"
און באַלד שפּאַנען ביידע פאַרברידערט זיך נעבן דעם פּירל
און שמועסן און שמועסן פון פּוילן:
פון קייטן, וואָס בינדן און שטיקן און דריקן:

„אַ, פּאָלסקאַ קאָכאַנאַ!“ —
שרייט אויף מיט אַ קרעכץ טריב צום הימל, דאָס פויערל, מיט בליציקע אויגן
און צלמ'ט זיך איבער:
„ס'איז ביטער אונז, מאָשקע, ס'איז ביטער...“
און טריב זינקט אַראָפּ ביי דעם זיידן דער קאָפּ מיט צעשויבערטע לאָקן,
אַזוי ווי די וויינענדע צווייגן פון ווערבעס אַרום באַ די פּוילישע טייכן.
עס פּערלט זיך אויף קלאָר אַ טרער אין די אויגן, די אידישע אויגן,
און פּערלט אַראָפּ זיך מיט צער אויף די שטויביקע וועגן:
„נישט זאָרג זיך, מיכאַלקו“ —
הייבט אויף צוריק די אויגן באַפּייכטע, צום פּויערל, דער זיידע —
„נישט אייביק וועט האַלטן דער הענקער דעם ריז ווי געפאַנגען,
דעם מעכטיקן גבור!...“
און באַלד ציט אַרויס פונם זעקל דער זיידע, זיין פלעשל:
„לחיים, פּאַר פּוילן!“
און גיך נעמט אַרויס גיך די פלאַכע, פון האַנט אים דאָס פּויערל:
„פּאַר פּוילן!“ —
און זשליאָקעט און זשליאָקעט און זשליאָקעט,
אַזוי ווי אַ דורשטיקער שלייען.
פּאַרבייסט מען מיט פינטשעווער קעז און מיט קיכלאַך
וואָס לייכטן אַרויס פונם זעקל, אַזוי ווי די ליכטיקע בייטן
אַרום איצט, אַרום אַף די פּוילישע פעלדער.
אַזוי אין געפלאַפּל, באַם שייד-וועג — צעשיידן זיך ביידע,
מען פלעכט זיך אַרום, מען צעקושט זיך
ווי טרייע צוויי ברידער:
„גאָט העלף אונזער פּוילן!...“ —
דער — רעכטס... און דער לינקס.
און וויטער זיך שלעפּט מיד דאָס פּויערל אין שפּאַן מיט די אָקסן —
אַזוי ווי אַ חלום, אַ ליבער, אַ לאַנגזאַמער חלום —
אַוועק ,צו די כאַטעס.
און פריידיק, דערלייכטערט, צעזינגט זיך דער זיידע רב אהרן,
פּאַרקאַטשעט די פּאָלעס, לאָזט ער זיך אין וואַנדער, אַוועק איבער וועגן,
זוניק, פּאַר'חלומ'טע וועגן — אַוועק צו אַ שטעטל.

פלעגט קומען דער זיידע

פלעגט קומען דער זיידע, רב אהרן,
פון פזשעדבערזש צו־פיס, אַ פאַרשטויבטער,
אַ גאַסט זיין אויף שבת אין שטעטל,
ביי קינדער, קינדס־קינדער,
פון יונגע צוויי דורות:
פלעגט ברענגען דער זיידע אַ זעקל מיט אויבס אף די פּלייצעס —
מתנות פאַר יעדן.
אַראָפּהיינגען פלעגן די יאָרן ביי אים פון די אַקסלען
געדרייפטע שוין ניינציק
יאָרן ווי פירות!
געלעבט האָט דער זיידע אַ לעבן, אַ רואיקן לעבן;
געווען איז דער זיידע אַ גלייכער, געשווייפט ווי אַ סאָסנע,
אַ גבור, מיט אויגן וואָס בענטשן און לייכטן.
דאָס פנים —
געלייטערט פון אייביקן גלויבן און האָפן.
— נאָר האָפן... נאָר האָפן...
דערהייבט ער די האַנט, ווי אַ צייכן, צום הימל —
— נישט זאָרגן...
אַזוי ווי די שפּייכלערס, ביי פּריצים נאָך שניט־צייט,
אַזוי איז דער קעלער באַם זיידן:
דער גאָלדענער האָניק אין טעפּ רויטע, בייכלדיק־ברייטע,

פאַרלייכטן די פינסטערע פּאַליצעס פון קעלער.
די פּעסלאַך מיט בראנפן, פון כראַביע׳ס גאָרזשעלניעס —
זיי וואַרזשען און וואַרטן אַף שמחות,
אַף אידישע שמחות.
עס פּלאַצן פון פולקייט די באַרעלאַך מידע
און יערן ווי פּליסיקער בורשטין,
אַוודאי פון כמעלניצקי׳ס צייטן!
עס שיסן די קאָרקעס אריין אין דער שטילקייט,
ווען ס׳שלאָפט שוין דער זיידע,
זיי יערן און שיסן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און קומען די טעג אָן, די האַרבסטיקע, טריבע,
מיט רעגנס און ווינטן,
הייבט אָן נאָר צו נאָגן באַם האַרצן דער האַרבסטיקער אומעט.
נעמט שפּאַנען דער זיידע אַרום אין די שטיבן
און ברומען אַ ניגון, אַן איינזאַמען ניגון.
נו זינגט ער מיט טענער, וואָס רייסן אַרויס זיך פון האַרץ אים.
ווי פייגל פון איינזאַמע שטייגן.
אין דרויסן איז האַרבסטיק, עס רעגנט,
עס פאַלן די בלעטער אַראָפּ פון די צווייגן
און ווײַנען שטיל אונטער די פענצטער און שטאַרבן.
אַ ווינטיקער אומעט פליט אום און ער פויקט אין די שויבן,
אַזוי ווי די טריט פון אַ שד׳ל, וואָס טאַנצט ווילד
באַנאַכט אַף אַ חורבה.
עס טראָגן זיך הימלען פאַרוואָלקנטע, שוואַרצע,
ווי שיפן מיט פענער פאַרצערטע, פון לענדער פאַרוויסטע.
עס רעגנט מיט אומעט,
מיט טרערן, וואָס פאַלן און פאַלן
און נאָגן די ביינער
און נאָגן, מיט אידישן אומעט.
צינדט אונטער ס׳לאָמטערל, דער זיידע

און לאָזט זיך אַראָפּ אינם קעלער דעם טיפן
אַראָפּ מיט בטחון:
אַזוי ווי אַ טויכער פאַרזינקט טיף צום אָפּגרונט פון ים׳ען
נאָך אוצרות וואָס דרעמלען פאַרבאָרגן
אין אייביקע טיפן:
אַ כוסה, נאָך איינע, אַ דריטע!
און ליכטיקער ווערן די אויגן באָם זיידן,
נאָך ליכטיקער ווערן די בלוטן...
דערהייבט זיך דער זיידע אַרויס פונם קעלער
מיט זמר׳לאָך נייע, צעבליטע —
נו, זינגט זיך!
ציט אוים ער די הענט צו די ליידיקע שטיבן:
„אוי, לעבן, כאָטש איינזאָם,
נאָר שענק עס, איי, טאַטעניו, פאָטער!...
פאַרזינגט ער דעם צער זיך, דעם גרויסן,
וואָס וויינט אים אַרוים פון די בלוטן:
— אַלץ איז דאָך, אוי, הבל הבלים...
דערהויבן די פים זיך באַשטיוולט צום טאַנצן,
די ביניקע הענט זיך צעשפּרייטן, אַזוי ווי די נאַקעטע צווייגן,
מיט שטימע באַגערן.
עס פלאַקערט אין האַרצן —
נו, זינגט זיך, נו, זינגט זיך:
— בו־באַ־באַ, בו־באַ־באַ,
איי, גאָטעניו, פאָטער! — — — —
ס׳דערהייבן די פים זיך, דער רעכטער צום ערשטן
און באַלד נאָך דער צווייטער,
דער לינקער.
אַזוי ווי אַ חלום באַוועגלאַך, פאַמעלאַך,
צעטאַנצט ער מיט ריטמישער שמחה
אַריבער די ליידיקע שטיבן,
די איינזאַמע שטיבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין עלטער־זיידנס טאַנץ

װען מיין זיידע האָט געהאַט
אריינגעשנאָשקעט אַ קוואַטירל אָקעווויט
באַם אָנבייסן —
האָט ער אַ געשריי געטאָן צום אוראייניקל:
— יאַנקעלע כוואַט,
האַרץ מיינס,
קרוין פון מיין קאָפּ!
גיב אַ נעם דאָס פידעלע דיינס
און שפּיל, שפּיל
עפּעס אזוינס, אַזעלכעס,
דו ווייסט שוין וואָס!
און דאָס אוראייניקל
מיטן שוואַרצן ציגיינערקאָפּ, ווילד־לאָקיגן —
האָט אַ כאַפּ געטאָן פון וואַנט אַראָפּ
דאָס ירושה־פידעלע,
דעם בויגן אַ צי געטאָן,
צופידלט זיך:
— פידל, פידל, זום, זאַם!
האָט דער זיידע, אַ צופרײדיקטער,
אַ וואָרף געטאָן די איביצע פון זיך
און וואַליי! —

ברעטער סקריפּען, פּיס זיך וואַרפן:
האָפּ, האָפּ, האָפּ, האָפּ!
הענט, ווי בייטשן, שמאַגן, ווינטן:
הוזש, הוזש, הוזש, הוזש!
און די שטיוול טופּצן, דופּצן:
טופּ, טופּ, טופּ, טופּ!
אַלע ביינער גליען, ברענען:
העי, העי, העי, העי!
און דער זיידע העלפּט זיך אונטער:
יאוך, יאוך, יאוך, יאוך! —
ווי אַ וויכער פליט אַף פעלדער:
הו, הו, הו, הו!
טאַנצט דער זיידע, גיך און האַסטיק:
האָפּ, האָפּ, האָפּ, האָפּ!
טיש און בענקלעך סקריפּען אונטער:
סקריפּ, סקריפּ, סקריפּ, סקריפּ! —
מאַכט אַ וואָרע, סטאַנצט דאָס לעבן:
לעב! לעב! לעב! לעב!
אַזוי טאַנצט דער זיידע אהרן:
טאַנצט, טאַנצט, טאַנצט, טאַנצט!
און די שטוב איז פול מיט זונשיין:
זון, זון, זון, זון!
סגליט אַ פרייד פון יעדן ווינקל:
פרייד, פרייד, פרייד, פרייד!
און די קינדער־הענטלאַך פּאַטשן:
פּאַטש, פּאַטש, פּאַטש, פּאַטש!
זיידע טאַנצט עס, איז אַ נחת!
טאַנצט די פרייד אין באָבעס שטיבל:
האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!...

דערציילט דער זיידע

זיצט דער זיידע אהרן
און מיר, אייניקלעך, אַרום אים
קלייבן זיך, ווי הינדעלעך, אַרום אַ האָן, פאַרנאַכט.
— נו, זיידעניו, דערצייל.

— שאַ, הערט־זשע, קינדערלאַך:

אַמאָל, אַמאָל איז דאָס געשען.
פעלדער, וועלדער, אַלץ אַרום
איז יונג געווען און בליענדיג.
און איך אַליין —
אַ זומערדיקס אַזאַס, אַ לופטיקס,
וואָס רייסט און ציט זיך, תמיד, צו דער ווייט.
איז זומער אפן דאַך,
ענג אין שטוב און אומעטיק אין שטאָט —
איז מיין וואַנדער־שטעקן גרייט;
נעם איך אים און וואַנדער.
און מיינע פיס:
— אָהאָ!
זיי שפּאַנען זיבן וויאָרסט אַ שעה, —
זיבן מייל אַ טאָג;
ס׳טראָגן מיינע גוטע פערדלאַך מיך —
אַ לעבן נאָר אף זיי און לאַנגע יאָרן.
שפּאַן איך מיט אַ זמר׳ל אין הארץ,
שעה נאָך שעה, דורך וועגן זאַמדיקע,
כאַלופּעס, וועלדער יאַלאָווע,
מחיה׳דיק — עס שמעקט;
די זון אין הימל גליט בראָט,
די קאָרן־בייטן רייפן,

אידן בערדלדיקע שטייען שטריימלדיק,
דאַווענען און בעטן אַף גערעטעניש,
די שפּע בליט, און ס'וואַקסט דאָס ברויט
פאַר מענטשן אָרימע און קינדערלאַך —
אַ געזונט אַף אייך!
שפּאַנט דער טאָג מיט מײלן־טריט פאָראויס.
און איך —
מיט זמר'לאַך נאָך אים.
די זון פאַרגייט,
ס'ווערט נאַכט אין פעלד,
דער שפּיץ פון כראַביע'ס שלאָס צעבלאַנקט.
און דער גאָרדזשעלניע־קוימען,
נעבן סאָסנע־וועלדער, גריסן מיך אַקעגן
פול מיט האָפענונג.
דאָס טויער — אָפן, גרייט צעפּראַלט
פאַר וואַנדערער.

איך שפּאַן אַריין:

— גאָט העלף! גאָט העלף!
— געלויבט זאָל זיין! —
דריקט דער שומר מיר מיין האַנט, —
דער אַלטער סטאַך, מיין פריינט, דער האַראָפּאַשניק:
— וואָס מאַכן זשידקעס דאָרט אין שטאָט,
קאָכאַני מאַשקו?
— מען לעבט, —
אויב מען האָט אַ דרייער קופּערנעם אין טאַש,
און פיל בטחון נאָר אין האַרץ —
העלפט גאָט! —

און סטאַך
עפנט אַף דעם צאַפּן,
צאַפּט פון אַ גרויסן פאַס אַרויס דעם אָקעוויט,
אַ פולע קוואָרט! —

איך — איינס, ער — איינס:
— לחיים!...

אַהאַ:
ס'ווערט וואַרים, פריילאַך אַפן האַרץ,
יעדעס גליד צו'זמר'ט זיך,
אַ וועלטעלע אַ וואוילס,
ווי כ'בין אַ איד!

אין דרויסן — נאַכט,
שטיל און קיל,
ס'שמעקט מיט פרישן היי געשניטענעם,
ס'קוואָרקען זשאַבעס ערגעץ, בעבלען,
וויגן איין דעם הימל און די שטערנדלאַך
וואָס צינדן זיך און צינדן.
דער אויוון ברענט,
ס'בלענדט דאָס פייער פונ'ם קעסל-מויל,
ס'הוזשעט, זומט און זידט.
די פעסלאַך, באַליעס פולע אָקעוויט,
רערן און מאַשינען —
דזשימדזשען:
ש-ש-ש-ש...
גרילן פישטשען ערגעץ,
אין שפּאַרונעס פינסטערע,
עד —

ס'נעמט אַזש נאָגן פאַרן לעפעלע,
טיף אין האַרץ, דאָרט טיף;
עס ווילט זיך אַ צעוויכער טאָן:
„איי דאַנאַ יוכאַ!“ —
פעסט מיט ביידע פיס און הענט
און מלא שמחה
הויך אַ הירזשע טאָן, ווי אַ זשרעבעקל אין פעלד:
— סטאַך!
נאָר סטאַך

איז איינגעשלאָפן אױפן בינטל שטרױ, ביים טיר,
װי אַ הונט ביים פּריץ׳ס שװעל,
װאָס היט די אוצרות זיינע...
די גאָרדזשעלניע שלאָפט.
נאָר מיר איז ביטער,
קינדערלאַך,
נעם קלעב די אױגן צו... —

דער אױװן ברענט,
ס׳פייער הירזשעט;
איך קוק אין פייער בלענדיקן אַריין
און חלום פון דער עלטער־באָבען אייערע,
אױ, װי איז מיר —
װען זי האָט נאָך געלעבט, —
װי אַ הינדעלע אַ טײערינקע
אַרומגעקראָכן גאַנצע טעג אין שטוב,
געװאַשן און געררוימט
און צוגעגרייט פאַר מיר דאָס װייסע שבת־העמד,
דאָס ביסל װאַרימס, יעדן טאָג
מיט יום־טוב און מיט שמחה מיר באַשײנט!
איך חלום... חלום...
נאָר פלוצלינג:
נעמען דרייען זיך און הוידן
פּעסער, רערן, באַליעס — כאַדאַראַס,
פון פייער־אױװן קריכט אַרױס אַ שד אַ רױטער
מיט הערנדלאַך,
װי ביי אַ ביציקל אַ יונגס,
ס׳פּנים לאַנג און פערדיש,
די װאָנסן — דרעטלאַך שפּיציקע,
די פיסלאַך — הינטישע
און ס׳הינקט
מיט אַ פייערדיקן שפּיז אין האַנט,
אױפן שפּיץ — רײטלט זיך אַ ראַט,

ווי אַ פייער־קויל.
דאָס שד׳ל רוקט זיך, רוקט זיך, שמייכלט:
— נאַ פּרעס!!
כאַ־כאַ־כאַ! — — — —

ביטער, — טראַכט איך מיר,
אוי, טאַטעניו אין הימל, העלף!
און ווי אַ לייב אין וואַלד
שפּרינג איך אויף —
טשאָרטשע!
און דאָס שד׳ל גיט אַ הינק צוריק
און קוויטשעט ווילד אַרויס פון פייער־מויל
און לאַכט:
— כאַ־כאַ־כאַ! — — — —

און פייערדיקע צונגען
רייסן זיך פון קעסל־מויל אַרויס,
הירזשען, ווילן מיר פאַרשלינגען,
אָט־אָט, איך ווער פאַרברענט...
נאָר אַ נס איז, קינדערלאַך, געשען:
אין כראַביע׳ס הויף
האָבן זיך צעקרייט די הענער אַלטע:
— קו־קי־רי־קו! — — — —
און אוים:
ס׳פייער האָט פאַרלאָשן זיך,
דער אויוון שטיל געבליבן, טויט
און פינסטער, קאַלט אַרום, ווי אין אַ גרוב.
גרילן האָבן ערגעץ נאָר
געפּיפּן אָף די פּיסטשעלקעס:
— סירפּ, סירפּ...

— — — — — — — — — — — — — —

אַזוי איז דאָס געשען אַמאָל,
אוי, וויי איז מיר...

דער זיידע ר׳ הערשל

אַזוי ווי אַ תפלה פון רחמים
פלעגט ווייען אַראָפּ פון זיין פנים דאָס ווייסע:
— כ׳וועל העלפן... כ׳וועל העלפן...
אַרומוואַנדלען פלעגט ער
צווישן די אָרימע קינדער פון שטעטל,
זיי היילן און קושן,
און קינדישע אויגן באַטריבטע,
מיט קראַנק-בלייכע צורות, —
דורך שויבן באַנעצטע, פון רעגן, —
דערזעען זיי שפּרייזן דעם רופא;
פריידיקן אויף זיי,
די באַקן באַטערטע, דערייטלען

ווי עפּל פאַרבענקטע אין האַרבסטיקן אומעט:
— אָט קומט ער
מיט שמייכלען פון פרילינג,
דער מלאך פון היילונג!
אָט קומט ער!...

— — — — — — — — — — — — —

און אָפּטמאָל:
דער האַרבסט האָט מיט האָגלען, מיט רעגן און ווינטן
באַטרעטן דאָס שטעטל,
דאָס איינזאַמע שטעטל.
עס רעגנט און רעגנט,
אַלץ טאָפּיעט פון נעצקייט,
אַלץ ליגט פייכט אין אומעט פאַרנעפּלט;
עס קורטשען זיך איין אַלע הייזלאַך
אין עלנט פאַרזונקען:
— עס רעגנט...
עס גייען די טעג אוים מיט אָטעם פון קראַנקייט,
מיט טרערן פון מאַמעשע אויגן,
מיט זיפצן פון באָבעס,
מיט ווינטישן וואָיען.
אָ, גאָט, ווי עס פינסטערט!
אַ פינסטערער ים האָט צעשפּרייט זיך
אַריבער די איינזאַמע הייזלאַך,
וואָס זינקען אין איינזאַמען עלנט,
ווי שיפלאַך וואָס בלאָנדשען דורך נאַכט בלינד —
צום האַפן.
דעמאָלט —
זיצט שטום
ביי דעם בעט פון אַ קראַנקן, דער זיידע:
עס עפנט דאָס קינד אויף
די אויגן פאַרגלייזטע,
וואָס בעטן... און בעטן...

עס זימזעט אין האַלז דאָרט אַ פידל
מיט סטרונעס וואָס צימבלען צעבראָכן
און רייסן זיך איבער צעכאָרכלט
מיט קרעכצן, מיט פייפן און כריפּן —
ווער ווייס, וואָס זיי קרעכצן ?...
און שטייף ליגט דאָס קינד אויסגעצויגן,
עס ציקן די גלידער מיט ווייסקייט
פון מאַיאיקע ליליען,
און שטייפן און בלייכן
און שטייפן...

אַ, דעמאָלט —
זיצט טיף אין זיין צער איינגעוויקלט
דער זיידע,
באָס בעט פונם קראַנקן,
מיט טרערן און אָפענע אויגן,
מיט האַרץ אַ צעעפנטס,
וואָס בלוטיקט און בעט זיך:
— איך שענק דיר אַ טייל פון מיין לעבן,
אַ, קינד פון די נויטן פאַרלאָזטע;
אַ, בלום נישט צעבליטע —
ווי וויטאָקט דיין וועלקן !...

— — — — — — — — — — — — — —

אַ, גאָט, ווי עס פינסטערט !
אַ פינסטערער ים האָט צעשפּרייט זיך
אַריבער דעם שטעטל,
וואָס זינקט איין אין אייביקן אומעט.
— אַ, גאָט ! — בעט דער זיידע
און מאַכט צו די אויגן פון טויטן
און קושט אים דעם שטערן דעם ווייסן,
אַזוי ווי די זון קושט אַ בלימל, אַן איינזאַמס
אין פעלד, פאַרן שטאַרבן.

מײַן מאַמע

מיין טאַטע

מיין טאַטע פֿלעגט נייען
צוויי גילדענע קליידער צעבלימטע
פֿאַר פּוילישע שיקסעס.
מיט סטענגעס בלוט-רויטע באַצירן
די פֿריידיקע אַקסלען.
ביז שפּעט אינם אָוונט פֿלעגט זיצן דער טאַטע
און נייען און נייען
די מאַיקע פֿעלדער צעבלומטע,
און שטעפּן און שטעפּן
די בלאָ קאָרן-בלימלאַך
וואָס שמעקן פֿון פּוילישע לאָנקעס.
ברומט אונטער דער טאַטע פֿאַרשלאָפֿן
אַ זמר פֿון שבת, פֿאַרהונגערט —
דאָך פֿריידיקן פֿלעגט נאָך זיין פּנים,
אַזוי ווי די קוויטן אַראָפּ פֿון דופּטיקע שטאָפֿן.
איך העלף אים דעם זמר
און ס׳קייקלען זיך טרערן
און פֿאַלן און פֿאַלן
אַראָפּ אַף די דאָרפֿישע קליידער
פֿאַר פֿריילאַכע כלאָפּקעס,
פֿאַר זוניקע שיקסעס פֿון פּוילן.

די נאַכט איז טריב

אין שטוב איז קאַלט
און טונקל, שטיל,
אַ מייזל קראַצט,
עס גרילצט אַ גריל, —
אַ ניגון סקריפּעט פול מיט צער:
גריל, גריל, גריל, גריל.
און וואָס זי קלאָגט,
און וואָס זי וויל —
ווייסט נאָר דער אומעט פון דער שטוב.
דער טאַטע זיצט באַם טיש און נייט
און העפט אַריין דעם הונגער־צייט
אין פאַרקל, בלומיק פרישן;
דער קרעטאָן שמעקט, דער קראָכמאַל שטייפט
און יעדעס קווייטל רייפט און רייפט
אַראָפּ פון זיינע קניען.
די נאַכט איז טריב...
און קאַלט די שטוב,
דאָס שטעטל שלאָפט זיין הונגער־שלאָף
און בייזע הינט צעוואָיען...

און אָפּטמאָל

נייט דער טאַטע קליידער
זומער־צייט — קרעטאָנענע
און שאַבעס וואַטענע —
אין ווינטער.
און די זון גייט אויף און אונטער
פאַר מיין שטוב יעדן טאָג.
און די מאַמע גייט
צו קרעכצערינס אַף גאַנצע נעכט —
קינדערלאַך אָפּנעמען...
און אָפּטמאָל —
ווען די זון גייט אונטער —
שלייכט זי זיך אין שטוב אַריין,
איינגעהילט אין לעצטן פּורפּור־שיין,
בלייך און מיד;
ווינט אַראָפּ דער שלאָף פון יעדן גליד
און דער שטומער צער — פון אירע פייכטע אויגן,
דער צער
פון יענע מאַמעס צניעות׳דיקע באַם געבערן.
אין דרויסן אפן גראַנאַט־הימל
צינדן זיך שוין אָן די שטערן,
דורך די פענצטער קוקט אַריין די זומער־נאַכט,
די בוימער שלאָפן;
די קינדער־שטימען ווערן איינגעשטילטע אַף די גאַסן —
שטילער, שטילער, איינגעשלאָפן.
די מאַמע קרעכצט:
— ווי מיד איך בין, ווי מיד...
ערגעץ וויגט אַ מאַמע איין איר קינד

מיט אַ פּאַראומערט ליד.
און פון „קאָסטשאָל“ אַלטן
ציטערט אויף אַ תּפֿלה פרום
און די אָרגלען זינגען
און די שווערע גלעקער אפן טורעם־דעכל
קלינגען אוים דעם צער אין נאַכט אַריין
און קלינגען, קלינגען:
בים! באָם! בים! באָם! — — — —

נייען מיר

נייען מיר —
נאָך אַ קלייד, און נאָך אַ קלייד,
און די סוקניעס, לופּטיקע,
לעבן אויף צוּלויכטענע
און בונטן ליכט, מיט יום־טוב־פרייד
און זינגען פריש צעקווייטלטע
אין בלוט אַריין —
מיט האָפענונג!
נייען מיר —
נאָך אַ קלייד, און נאָך אַ קלייד,
פאַר אייך,
איר טעכטער לוסטיקע
פון וואַלד און פעלד!

גאַנצע נעכט

גאַנצע נעכט
קלאַפּט ער פּענציק אין זיין גרויסער שטוב,
פּולע נעכט הערט מען זיינע קלעפּ
און זיינע שווערע טריט, אַדורך דער וואַנט.
צי ווען עס בליט דער פרילינג אפן בוים
און ווייט אין פעלד,
צי ווען עס פאַלט דער קלאָרער שניי
און זילבער־צאַפּנס הענגען פונם דאַך
און שויבן פרירן וויים־באַבלימט —
שטייט ער אַלץ באַ זיך אין שטוב, ווי אַ מאַשין,
אָן סוף, אָן זין,
און סאָפּעט, שנאָרכט און ברומט און קלאַפּט.
און יעדער קלאַפּ
וואָס שניידט אַדורך מיין ווייסער וואַנט,
איז ווי אַ נישט־געזעענע האַנט
וואָלט מיט אַ שווערן האַמער מיר
אַ זעץ געטאָן אפּן קאָפּ:
ליגט איך מיד אין בעט,
איינצושלאָפן גרייט,
מיט מיין יונגן חלום גרייט אין האַנט,
נאָר דער בייזער מאַן
הרג'עט מיינע יונגע שוואַלבן־טרוימען
מיט זיין יעדן קלאַפּ אַדורך די וואַנט:
טאַ — — —

דער פעטער נאָדל

רב גאָדל

(פּאָעמע)

א.

איבער דער בזורע

די זון האָט זיך אָפּערגערוקט אין מזרח,
מיט פייערדיקע שפּיזן זיך צעשאָסן
אין אַ קרייז רונדיקן
און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער בזורע.
אויפגעוואַכט האָט דאָס וואַסער פון זיינע לבנה׳דיקע נאַכט-טרוימען
און אָפּגעשפּיגלט דעם קלאָרן הימל.
דורכזיכטיקע רויכלאַך
האָבן זיך צעפלאָטערט איבער די גרינע לאָנקעס
און איבער די זון-בלימלאַך.
אויפגעשימערט האָט אַלץ
און געזונגען צו דער נאָך פאַרשלאָפנקייט פון ארום.
די אַרויסשטאַרצנדיקע קלויסטער-שפּיצן
און די טאָפּאָלן ארום די שאָסייען ווייסע
האָבן אויפגעלויכטן און געזונגען
צו דער שוואַנגערדיקער ערד אַראָפּ:
— אַ לויב, אַ לויב.

ב.

דער סעדערניק

רב גאָדל
האָט אַ צעפּראַל געטאָן די טיר פון סאָד-קאַמער,
אַ כוואַליע ליכט האָט אַ פאַרפלייץ געטאָן
די פינסטערניש;
די שוואַרצע ברעטער האָבן זיך צע׳שרפה׳עט,
געמיניעט מיט ליכט-שטרייפן.
דער גאָרטן שימערט.

די ראָסע ליגט נאָך שווער איבערן גראָז,
די ביימער מיט פּירות אַראָפּהענגענדיקע
ליכטיקן אונטער די זון,
פרישע ריחות, פון די צווייגן צעגרינטע,
דעמפן זיך אונטער דער אויפגייענדיקער וואַרימקייט,
טוי־טראָפּנס פינקלען איבער בייטן צעבלעטערטע.
די פירות שלאָפן נאָך,
בלעטערדיקע קאַרטאָפל־בייטן, מיט בליטן־קעפּלאַך,
וויגן זיך אונטערן שאָטן פון די ביימער.
ס'קריכן די עופות אַרום
מיט שטיקלאַך זון־שימער איבער די בלישטשענדיקע פעדערן.
דער בושל
זיצט אין היי־קויבער, אונטערן באַרל־בוים,
גרינע טירקיסן הענגען פון די צווייגן.
זוניק אָטעמט דער גאַרטן
אונטער דער פרימאָרגן־פרישקייט.

ג.

רבקה

רבקה —
אַן אויסגערוטע,
אַן אַרומגעוואַשענע —
קוקט זיך מיט דאַנקבאַרקייט איבערן גאָרטן אַרום.
עס גליט איר רחבות פון די צווייגן.
מיט תפילות האַרציקע באַגעגנט זי דעם טאָג
און דאַנקט, דאַנקט:
איר האַרץ צעעפנט זיך,
ווי די בלומען ביי די סאָד־ראַנדן.
די עופות זיינען הונגעריק,
זיי ציען זיך צו איר און קוואָקען;
שליידערט זי פולע הענט הירזשלאַך, —

קוועלט איר הארץ.
איר ליבע גליט צו גאָט'ס באַשעפעניש:
אַזוי פלעגט זיך פאַרזאַמלען קליינוואַרק אַרום איר...
היינט:
זי איז אַלט און איינזאַם.
אויסגעוואַקסן זיינען אירע יונגען און מיידן,
און פאַרלאָזן אירע ביימער,
פאַרלאָזן אירע זומערן
און אירע שמחות...
אַ זיפץ האָט די ביימער אַרומגענומען
און זיך צעקושט מיט די פּירות:
— אוי, קינדער מיינע! — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ד.

דער סאַד רייפט

דער סאַד רייפט
פון זאַפטיקע רייפקייט,
פלאַצן די פּירות.
רב גאָדל —
קלעטערט איבער די ביימער,
די הויזן פאַרקאַטשעט.
דער קויבער וויגט זיך.
פּירות, אויסגעקושט פון זון,
אויסגעבאָדן אין טוי —
פאַלן, פאַלן.
די זון פרעגלט זיך איבער די בוימער־שפּיצן,
אין גאָלדענעם רו־מאַנטל רוט דער טאָג
ביי די סאַד־ראַנדן.
די וויינפערלאַך רויטע — דרימלען;
די בוימער —
ווי שוואַנגערדיקע פרויען־לייבער —

פרייכן און צייטיקן.
דער בושל, אין קויבער,
קוקט צום הימל אַרויף דורך די צווייגן,
זיינע אויגן — פייכטן,
זיינע פעדערן — בענקען.
אַזוי בענקט אַ שוואַן
נאָך זיין פאַרלאָרענעם וואונדער־לאַנד — — — —

ה.

פאַרנאַכט

פאַרנאַכט —
די זון האָט איר לעצטן בליאַסק
איבערן סאָד צעהאַנגען.
די פירות דרימלען,
די בלעטער שלאָפן איין.
רב גאָדל
צעגראָבט מיטן שפּאָדל די ראַנדן פון סאָד:
שוואַרץ צעעפנט די ערד איר האַרץ
און שליידערט ווייסע מילך־שלענגלאַך —
פאַרן פיש־פאַנג...
די זון ציט זיך צום מערב,
אַ פייער־קנויל פאַרלעשט זיך
אונטער די וואַלד־שפּיצן.
איבער לאָנקעס און פעלדער
נידערט מיט סודות׳דיקע שטילקייט
די נאַכט.
טייכן און לאָנקעס,
כאַטעס און שייערן —
שלאָפן איין.
מיט נאַכט־מידקייט
קלייבט זיך רבקה אין קאַמער אריין,
אירע ליפּן מורמלען

מיט האָפענונג און דאַנקבאַרקייט.
שטערנדלאַך פינקלען איבערן הימל.
דער אַלטער —
רויכערט אַפן באַנק, נעבן קאַמער.
שאָטנדלאַך פאַלן,
די באַנק חלומ׳ט פון גערעטעניש.
איבער אים — נאַכט:
הימלען און שטערנדלאַך.
לופטלדיק, חלומ׳דיק.
ס׳ליולקעלע רויכערט פינקנדיק.
די אויגן קלעבן זיך,
די ריחות פאַרשלעפערן.
— גאָדל! — — —
מידע קריכן זיינע פיס.
די רויך־קנוילן פון ליולקעלע —
ציען זיך אין דער לופטן,
בלייבן הענגען איבערן פאַרשלאָפענעם קאַמער־טירל:
גוט נאַכט —
— —

ו.

פרימאָרגן־פרייד

לוסטיק איז דער הונט פון דער נאָרע אַרויס,
ער טאַנצט צו דער זון אַקעגן
מיט אַ לויב פריידיקן
די הענער, געזעטיקטע,
יאָגן זיך נאָך די הינער.
מיט פרישקייט פריידיקן די הימלען,
די זון
גלאַנציקט איבערן סמאָלע־דעכל פון קאַמער,
אירע פיסלאַך הענגען פון קאַמער אַראָפּ
און פריידיקן.

רויכלאַך שנירלען זיך פון קעכל אַרויס
און ציען זיך אין דער קלאָרער לופט אַריין.
— רבקה
שמייכלט באַם אויוועלע אַ צעפריידיקטע.
פון איר קרעטאָנענעם יעקל אַראָפּ
ליכטיקן די גאָלד־בלימלאַך און מאַי־בעזעמלאַך.
מיט פעלד־פרישקייט און מיט היי־מיענטעם
איז דער סאָד פאַרוויגט;
ס׳רייפן קאַרשן, פלוימען און אַגרעסן.
דער בושל אונטערן באַרל־בוים
צעשפּרייט זיינע פליגלען מיט פרייד
און צעגראַגערט זיך.
— רב גאָדל
שפּרייזט דעם סאָד אַקעגן, פון פיש־פאַנג.
די ווענטקע איבערן אַקסל,
דאָס שקאָפּיקל אין האַנט.
דאָס וואַסער זילבערט,
די פישלאַך גאָלדיקן און קוועלן,
לאַכנדיק שפּיגלט זיך די זון אין שקאָפּיקל.
דער אַלטער קנעט דעם ווייסן שאָסיי־שטויב,
הונגעריק פּראַכן זיינע נאָז־לעכער.
דער הונט טאַנצט אים אַנטקעגן:
— גוט מאָרגן!
דיביימער ליכטיקן מיט פרימאָרגן־פרייד.
שטעלט זיך דער אַלטער נעבן קויבער אַוועק,
ציט אַרויס אַ פישל, פון וואַסער קלאָרן,
דערהויבט עס איבערן בושל.
ציט דער בושל זיין ווייסן האַלז אויס,
זיינע אויגן פייערן, ווי אָפּאַלן:
דער קאַרעש — פאַלט,
ס׳בלוט — טריפט,
קרעלן רויטע צעשפּרייטן זיך איבער זיין ווייסן פוך־גוידער.
— רבקה

כאַפּט אים אָן פאַרן האַנט:
— אַ צער בנאמנות!...
רויטלען זיך באַם אַלטן די באַקן,
ווי ווינטער־עפּל,
און ער זאָגט:
— יעדעם באַשעפעניש מוז לעבן,
דער פיש און דער וואָרעם,
דער מענטש און די חיה, —
איינס פאַרצוקט דאָס צווייטע
פאַר זיין קיום:
אַזוי איז זיין רצון...
ער דערלאַנגט איר ס'שקאָפּיקל,
די פישלאַך שווימען אין קלאָרקייט.
ביידע זעצן זיך איבערן גראָז
צום אָנבייסן.
די פנים'ער ליכטיקן
אונטערן רחבות פון דער פלאַמענדיקער זון.

ז.

אַזוי זיינען טעג ליכטיקע אויפגעגאַנגען

אַזוי זיינען די ליטכיקע טעג אויפגעגאַנגען איבערן סאָד,
טעג גאָלדיקע
האָבן זיך איבער די ביימער אָנגעצונדן,
געוויגט זיך דער הימל אין דער הויך
איבערן סעדערניק מיט זיין ווייב
און זייערע אָדערן און קינדער'ס אָדערן
מיט זאַפטן כחות'דיקע אָנגעטרונקען,
ווי זיינע ביימער און זיינע פעלדער
פון אָרום.

ח.

מען פליקט דאָס אויפּס

מען פליקט דעם אויפּס.
רבקה זיצט נעבן קאַמער,
אַרום איר —
פּויזן קויבערס מיט באַרן פּיל אין אַ ראָד,
די זוניקע נאָכמיטיק־לופט
כוואַליעט איבער אירע פּלייצעס.
ס'ליכטיקן די בלימלאַך בלאָע און די בעז־צווייגלאַך
איבער סטאַניקל.
מיד זיינען די פינגער
פון אַרומרייניקן די בלעטלאַך;
קויבערס פולע וואַרטן
פאַרכליניעטע פון זון־שרפה.
די באַרן — גאָלד.
די בלעטלאַך שמעקן מיט גרינקייט און וואַלד־ריחות.
די זון באַקט.
פון זאַטיקער צעוואַרימטקייט
פאַלן צו אירע אויגן.
אַלץ אַרום איר בלענדט,
רייפט מיט שפע און ברכה.
איר נאָמען
איז געקרוינט מיט גירלאַנדעס פּוילישע:
„גוטהאַרציקע רבקה!“
פאַרבייוואַנדערנדיקע בעטלער
רוען אונטער אירע צווייגן צעשפּרייטע
און געניסן פון איר גוטסקייט.
רוט אַ בעטלער אַפן באַנק נעבן איר:
זון־פאַרסמאַליעט איז זיין פנים, קופּער־פאַרביק,
פאַרשטויבט מיטן זילבער פון שאָסיי פּוילישן,
זיין קאָפּ איז נאַקעט פון אַלטקייט,

אייניקע ווייסע האָר־קרייזלען
הענגען אים איבערן קאַרק אַראָפּ,
ווי שנירלאַך צעפּלאָכטענע;
דאָס יעזוסל, אַפֿן שטריקל
הענגט געקרייציקט צווישן די האָר פון זיין אָפענעם האַרץ־ברעט.
נעבן די פּיס, נאַקעטע,
רוט זיין שטעקן;
אויסגעוואַנדערט מיילן הונדערטער —
דרעמלט זיך, מיד, מיד...
דער בעטלער קייעט אַף די חורבות פאָדערשטע,
דאָס אויסגעטרוקנטע בעטל־ברויט,
פאַרבייסט מיט באַרנעס,
וואָס רבקה האָט אים געשאָנקען;
רינט דער זאַפט איבער די ליפּן פאַרדאַרטע
און דערפרישט דעם גומען טרוקענעם,
קוקט ער אַף איר מיט אויגן פאַרטרערטע
און דאַנקט איר און בענטשט איר:
„גוטהאַרציקע אידישקע!...“
אין גאָרטן איז שטיל,
איינגעשטילט וועבט זיך אַ זוניקער נאָכמיטיק־טרוים,
איבער די בלעטער און איבער די גרעזער —
חלומ׳ט אַלץ.
אַלץ איז פאַרגאָסן מיט שטראַלן מילדע,
אַלץ איז אַדורכגעגליט
מיט אַ זיס־ריחות׳דיקער שטילקייט.
דער סעדערניק —
קריכט צווישן דיביימער אַרום,
דאָס גראָז, פאַרשלאָפענע, קילט,
זיין פּנים איז פאַרגאָסן פון זון אין בלוט־רויטקייט,
דאָס ווייסע העמד צעכראַסטעט,
די האָריקע ברוסט פאַרעט זיך,
אָטעמט איין

דעם אַדורכגעגליטן אַראָמאַט;
נעבן איהם
פאַלן שאָטנס פון די אַראָפּהענגנדיקע צווייגן,
ס'שפּיגלען זיך קאָנטורן.
די קאָשיקעס פריידיקן האָפערדיקע,
די באַרן פאַלן וואַגיקע,
פויקן איבערן גראָז־טעפּיך;
דער בושל הינקט אים נאָך,
צייטנווייז דערהייבט ער זיין קאָפּ,
ציט אוים זיין לאַנגן האַלז ווייסן,
קוקט צו די פאַרשלאָפענע וואָלקנדלאַך.
וואָס שווימען ווייט איבערן הימל.
דער אַלטער
האָט צווישן די גראָזן אַ זשאַבעלע געפונען,
טראָגט ער עס פאַר די הינטערשטע פיסלאַך.
דער בושל —
ציט זיך צו אים,
זיין קערפּער — פיבערט.
דאָס זשאַבעלע —
דריגעט צווישן די פינגער,
זיינע פיסלאַך — צאַפּלען,
זיין קערפּערל — בלאָזט זיך,
זיינע אויגן, פאַרויטלטע — ווערן גרעסער:
ער גיט אַ שפּרונג:
די ווייסע, דינע פעדערלאַך פון האַלז
ווערן שטייף און ציטערן,
בלאָזן זיך, ווערן אויפגעבלאָזן...
די הינטערשטע זשאַבע־פיסלאַך
צאַפּלען פון זיין שנאָבל אַרויס...
שאַ, שטיל.
די פּירות פאַלן, דאָ און דאָרט —
אַ פּאַל, אַ ריטמישער פויק —
פּאַק — — —

און שאַ, שטיל — — — שטיל:
דער גאָרטן שלאָפט.
דער סעדערניק
קלייבט די פּירות פון גראָז אַרויס,
ס'פרייידיקט זיין פּנים און זיינע פינגער,
יעדעס באַרן־קערפּערל
ליכטיקט מיט געזאַנגען האַפּעדיקע!
פול ווערן די קויבערס,
ווי אַן אָריענטאַלער, אַ דערייטלטער פון גליק —
טראָגט ער פולע קויבערס איבער די אַקסלען פעסטע
צום קאַמער אַוועק.
רבקה — איינגעדרימלט.
כאַפּט זיך אויף.
אייניקע באַרן, וואָס זיינען צווישן אירע פינגער
איינגעשלאָפן —
זיינען דערשראָקענע אין קויבער אַריינגעפאַלן,
צוגעטוליעט זיך צו די אַנדערע פּירות:
— שלאָפסט?
רבקה: האַ? וואָס? —
איך האָב איינגעדזשימדזשעט:
ס'וועט רעגענען,
די זון באַקט.
ווערטער פאַלן ווי פּירות מידע פון די צווייגן.
גאָדל
דערהייבט זיין קאָפּ ווייסן,
פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט די הענט פאַרהאָרעוועטע:
— ס'וועט רעגענען! —
אייניקע כמאַרקעס ציען זיך פון דרום,
ווי שעפּסן אַנגעטרונקענע פון אַ טייך.
דער בעטלער איז פאַרשוואונדן,
די צייכנס פון זיין שטעקן און פון זיינע פיס פאַרקרומטע
שלאָפן נאָך איבערן זאַמד געלן.

דער בושל טוליעט זיך צו רבקהן.
זי פּאַריכט אים ס'שטיקל לייוונט איבערן פּיסל לאָמען:
— ווער ווייסט צי דאָס וועט קאָנען
אַוועקפליען אַמאָל? ווער ווייסט? — — —
דער סעדערניק שמייכלט:
— וועט קומען די צייט,
וועט ער אויסשפּרייטן די פליגל זיינע,
דערהייבן זיך ווי אַ וויכער אויבער דער בזורע
און פליען! הויך, ווייט!
גאָט זאָרגט פאַר אַלעמען און היילט אַלץ
וואָס לעבט איבער זיין ערד.
און ער שפּאַנט מיט די ליידיקע קויבערם
צווישן די שאָטנדיקע ביימער אַוועק:
גאָט זאָרגט —
— —

ט.

פרייטיק פאַרנאַכט

פרייטיק פאַרנאַכט.
די ביימער, אַדורכגעגליטע פון טאָג־היץ,
האָבן אונטער די פאַרנאַכט־לופטלאַך אָפּגעאָטעמט, —
פריש און גרין די צווייגן אויסגעשפּיצט.
די עפּל רויטלען זיך
באַגאָסן, אונטער די לעצטע זון־שטרייפן.
אַ מילדער פיאָלעט־שימער צעלייגט זיך איבערן גאָרטן.
די פלוימען הילן זיך אין טוי־העמדלאַך,
בייכלען זיך פון אונטער די בלעטער
פון די צווייגן;
יעדער בלאַט האָט זיין ריחות'דיק הארץ צעעפנט,
אָטעמט מיט ריחות ווירציקע און מיט בשמים,
דופטן פאַר'שכור'נדיקע
דעמפן זיך און שמעלצן

און צעשפּרייטן זיך איבער אַלע ווינקלען פון סאָד
פון קאַמער אַרויס
טראָגן זיך ריחות —
פון פיש און פון מייערן-צימעס,
פון אייער-קיכלאַך און חלות פרישע.
די קאַמער איז צוגעראַמט,
די ערד — מיט ווייסן זאַמד באַשפּרענקלט,
דער טיש — מיט אַ ווייסן צוועיל פאַרדעקט.
רבקה —
ס'העמד אַראָפּגעצויגן איבער די בריסטן —
שטייט איבער אַ שיסל וואַסער וואַרימס.
דער אַלטער וואַשט איר ס'לייב,
די אויערן, די בריסטן:
— לכבוד שבת...
זיינע נאָזלעכער צעשפּרייטן זיך:
אַ! אַ!
זיינע אויגן צעלייכטן זיך מיט זכרונות:
„אַמאָל... אַמאָל... אוי, טאַטע זיסער!...“
דיביימער וויגן זיך מיט דערוואַרטונג —
אַף נאַכט און אַף לבנה'קער אויפלייכטונג:
אַמאָל... אַמאָל...
פייערלאַך צעזשאַרן זיך אין רבקה'ס האַרץ,
פונקען פון איבערלעבונג רויטלען זיך...
ליכטיקע דעראינערונגען
צעבליען זיך אין אירע אָדערן,
ווי אַ הייליקע גרייט זי זיך:
שבת קומט!...
אַ רואיקייט נידערט.
די נאַכט-כראַבאַנדזשעס זשימען צווישן די ביימער
אַ פּירל שלעפּט זיך איבערן שאָסיי פוסטן,
דאָס פערדל טאַפּטשעט שלעפּערדיק:
טיפּ, טאַפּ, טיפּ, טאַפּ...
פון דער בזורע דערטראָגט זיך דאָס געקוואַרקער

פון די זשאַבעס.
שטערן צינדן זיך איבערן הימל,
ערגיץ האָט אַ שטערן אַ שאָס געטאָן,
אַראָפּגעזונקען ווי אַ בליץ און פאַרלאָשן זיך.
אַ פאַרביילויפנדיקער שנעלצוק
פייפט און מריטשעט,
ווי אַ וויכער פליענדיקער צערייסט ער די שטילקייט
לויפנדיק צו דער ווייטער וועלט.
און שאַ, שטיל:
אַ שטילע, שטילע רואיקייט
אָרעמט דעם סאָד אַרום, וויגט אים
און וויגט זיך אַריין אין אים — — — —
מיט אויסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענט קומט די נאַכט:
עס שטראַלט פון קאַמער אַרויס אַ האָפענונג,
וואו דער סעדערניק פראַוועט מיט זיין ווייב
ס'נאַכט-מאָלצייט,
באַשטראַלט פון ליכט-שימער איז די קאַמער,
די ליכט שטראַלן זיך גאָלדיק אָפן ווייסן טיש באַצוועלטן.

י.

דער סאָד חלומ'ט

עס שיפן זיך די וואָכן
מיט זעגלען צעוויכערטע;
טעג יאָגן זיך מיט מיילן־שפּאַן
און זינקען צום אָפּגרונט
פון פאַרגאַנגענהייט.
תמוז, אָב, אלול:
עס לויפן חדשים
ווי כוואַליעס פון אַ באַרג אַראָפּ.
נאַכט.
קיל, ווינטלדיק. אלול:

דער סאָד —
איינגעהילט אין קאַלטן לבנה־ליכט —
טרויערט.
אַ קאַלטער פלאַטער־ווינט
פליט צווישן די ביימער אַרום,
וויגט די צווייגן און וועקט,
די בלעטער ציטערן
אונטערן לבנה־ליכט.
קליינע וואָלקנדלאַך יאָגן זיך, צעטומלטע,
איבערן הימל.
אַ וויכער טראָגט זיך
און פאָכעט איבער די ביימער,
צווייגן ברעכן זיך,
טריט הערן זיך...
עמיץ פּלאָנטערט זיך...
שטיל.
פאַרוויקלט ער זיך אין ווינטער־קאַפּטן,
בלאָנקעט איבערן גאָרטן אַרום.
די ביימער שטייען פאַראומערטע,
כמאַרעס לויפן ווינטיקע,
שניידן זיך צו מערב־זייט.
נאָך אַ פייף, אַ רויש, און — שטיל.
דער הימל רייניקט זיך,
שטיקלאַך צעריסענע כמאַרקעס
יאָגן זיך, ווי טיילן פון צעשמעטערטע שיפן,
טונקען זיך און הייבן,
קלאָר שווימט די לבנה ארויס,
קוקט מיט בענקשאַפטן צו דער ערד אַראָפּ.
דער סאָד חלומ'ט.
די צווייגן הענגען אומעטיקע,
די עפּל פאַרשלאָפענע אָטעמען צווישן די בלעטער.
בלאָע שטרייפן ציען זיך פון בוים צו בוים,

ליכט-בענדער פלאַטערן, פלאַטערן.
— טאָג ? נאַכט ?
עס חלומ'ט.
פון צווישן דיביימער אַרויס
באַווייזן זיך קינדערלאַך:
קליין, קלענער,
הענטלאך פלעכטן זיך,
מענטשעלאַך ליבינקע, —
טאַנצן אַרום דעם נוס-בוים.
די בלעטער צינדן זיך אין ליכט-בלאָקייט.
ער רייסט די אויגן אויף:
די בוימער בליען דאָך !...
פון אונטער אַ קאַרשן-צווייג,
פון צווישן די צווייטן ווייסע —
ליכטיקט אַרויס רבקה'ס פּנים,
אירע אויגן לאַכן מיטן פייער
פון אויפבליאונג און געבערן — — —
די קינדער טאַנצן ! — — —
טעג זינגענדיקע !
נעכט לבנה'דיקע !
זיין האַרץ לעכצט,
זיינע בלוטן בענקע
ער שטרעקט די הענט אויס
צו יאָרן שוין אָפּגעשטאָרבענע
און וועקט זיי דורך די נאַכט-שטילקייט:
— קינדער מיינע ! קינדער ! — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון צווייטן גאָרטן-עק
האָט אַ גערויש אים פון חלום איבערוועקט.
צוויי:
אַ מאַן און אַ ווייבס-שאָטן

זיינען אין הויכן האָבער־פעלד אַריינפאַרשוואונדן
די זאַנגען
וויגן זיך, וויגן.
דאָס לבנה־ליכט שימערט איבער די שפּיצן.
ערגיץ האָט זיך אַ פייפל צעכליפּעט —
פּייפט, פּייפט:
אַ צער פון אַ האַרץ אומעטיקן בעט —
און הייבט זיך צו די שטערן אַרויף.
אַ נאַכט גייט אויס פון צער,
אוי, וואָסערע נאַכט!
דער בושל שטייט נעבן אים,
דאָס קעפּל צום הימל דערהויבן,
קוקט צו דער שווימענדיקער לבנה,
עפנט דעם שנאָבל
ווי אַרויפצורופן זיין צער צום ליכט.
דער סעדערניק פאַרמאַכט זיך אין קאַמער,
דער בושל בלייבט באַם טיר שטיין.
דאָס לבנה־ליכט טריפט פון זיינע פעדערן,
ער פאַרקריכט זיך מיטן שנאָבל אונטערן פליגל,
די פעדערן פאַלן,
ווי בלעטלאַך ווייסע ציטערן זיי —
צו זיינע פיסלאַך דינע:
עמיץ גרייט זיך אין וועג אַריין — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

יא.

די טעג האָבן זיך אָפּגעריסן

טעג ליכטיקע האָבן זיך פון זומער־גוף אָפּגעריסן,
ווי עפּל רייפע פון דיביימער.
מיט פולע הענט האָבן די ביימער פון זיך
דאָס רחבות אַראָפּגעשליידערט.

פולע טינדלאַך אויפֿם
שטייען פֿאַרן קאַמער;
עפּל רויטע שמעקן פֿון די פּעסלאַך אַרויס,
די זון־אָנגעטרונקענע הויטן
זינגען ניגונים האַרבסטיקע צום סאָד אַרויס.
די ביימער אָפּגעשוואַנגערטע
מיט בלעטער האַלב־פֿאַרגעלטע,
איינגעטונקען אין בענקשאַפֿטן.
מידע, ווי מאַמעס נאָכ׳ן געבערן —
לעכצן אונטער די לעצטע זומער־אַקאָרדן פֿון לעבן.
ליידיקע וועגענער וואַרטן פֿאַרן גאָרטן אומעטיקן:
מען לאָדנט פּעסלאַך פֿולע,
אַרומגעגאַרטלט מיט שטרוי־רינגען:
פּירות זינגענדיקע
וועלן פֿאַרשפּרייט ווערן איבער די שטעט
פֿון גרויס־פּוילן —
מיט גרוסן זומערדיקע
פֿון רב גאָדל׳ס סאָד אַלטן.

יב.

קילע פֿרימאָרגנס

קילע, נעפּלדיקע פֿרימאָרגנס —
פֿאַרשלאָפֿענע ביימער מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן.
פֿאַרוואָלקנטע הימלען.
די זון רייסט זיך דורך די כמאַרעס.
אַ מאַטער שימער פֿאַלט איבערן גאָרטן,
די ביימער־שפּיצן גיבן זיך אַ דערצינד —
לייכטן אויף אַ וויייל און פֿאַרלעשן זיך —
ווי דער שמייכל לעצטער איבער אַ פּנים —
געלע בלעטער פֿאַלן,
פֿלעכטן זיך אַרום די פֿיס פֿון די ביימער, מידע,

לייכטן אַ ווייל, פאַרלעשן, שלאָפן איין.
געהיימע שורכנדיקע ווינטלאַך, באָרוויסע,
הוידן זיך איבער די צוויַיגן לײַדיקע.
באַ די סאָד־ראַנדן
דאַוועגען די מאָן־בעכערלאַך —
רויטע, פייערדיקע טעלערלאַך —
וויגן זיך
און מורמלען פון אונטערגאַנג:
ש־ש־ש־ש־ש — — — — — — — — — — — — — —

דער סעדערניק —
אין קאַפּטן ווינטערדיקן —
קריכט צווישן די ביימער אַרום,
איבער מאַנכע צווייגן — גרינען נאָך
זיינע לעצטע האָפענונגען.
זיינע אויסגעשמירטע כאַלעווע־שטיוול
גלאַנצן פון טראָן פריַיסישן
און פאַרשפּרייטן ריחות האַרבסטיקע איבערן גאָרטן.
ער דערהייבט זיין וויַיסן קאָפּ:
ס׳וויגן זיך בלעטער טרויעריקע,
די ניסלאַך גרינען, פאַלן צו זיינע פיס,
טרערן זילבערדיקע
גלאַנצן איבער זייערע האַרבסט־העמדלאַך.
ער קריכט פון בוים צו בוים,
ציילט איבער די ביימער —
זיינע פאַרבליבענע טעג ליכטיקע:
די פעלדער נאַקעטן,
די ווינטן רוקן זיך
מיט זאַווערוכעס אין די פאַלעס ברייטע.
ער זעט זייערע מיילן־שפּרייזן,
ער דערפילט זייער קאַלטן אָטעם:
באַלד דאַרף מען זיך שיידן
מיטן לעבן ליכטיקן;

באַלד דאַרף מען זיך פאַרקלייבן
אין טונקעלע, כמורנע שטיבן איינזאַמע.
לייגט ער זיין שטערן צו
צו דער קאָרע פון נוס־בוים אַלטן
און זיפצט:
— אומעטיק.
אומעטיק, גאָטעניו! — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

רבֿקה
וואַרפט אָפּגעבראָכענע צווייגלאַך
אין קעכל אַריין.
די בלעטער פאַרוועלקטע
צינדן זיך אין גאָלדיקן;
די רויך־רינגען
ציען זיך פונם רויך־קומען, ציען זיך,
פאַלן איבער די נאַקעטע ביימער.
די נאַסע שטיקלאַך האָלץ
פּראַכן און סיקן,
זומען אומהיימלאַכע ניגונים,
זומען:
באַלד וועט מען פאַרלאָשן ווערן,
באַלד וועט מען איינשלאָפן:
ס־ס־ס־ס־ס — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

רבֿקה גראָבט
צווישן די איינגעדאַרטע קאַרטאָפּל־בייטן,
די אָפּגעוועלקטע קשאַקעס
ליגן צעבראָכענע, פאַרוועלקטע,
ווי דאָס גראָז איבער קבֿרים, האַרבסטיקע.
זי בייגט זיך מיט׳ן גראָבעל

צו דער ערד אַראָפּ,
אירע הענט אויסגעהאָרעוועטע
קרעמפּן דאָס מאָטיקל,
גראָבט זיך דאָס גראָבערל ;
די לעצטע זומער־גרוסן רייסן זיך
פון דער ערד אַרויס :
זאַפטיקע קאַרטאָפליעס, אָנגעטרונקען מיט סאָקן פון ערד,
פאַלן צו אירע פיס.
בייגט זי זיך און קרעכצט :
„אויסגעלעבט,
די כחות טראָגן נישט מער“.
ס׳האַרץ וויינט...
ס׳מאָטיקל גראָבט די ביימלאַך,
די טרערן פאַלן אין די גריבלאַך אַריין
און פאַרזינקען.
טרערן פאַלן, פאַלן...
ס׳טריפט די עלטער פון די ביינער,
ס׳טריפט דער צער פון אָפּגעוועלקטע זומערן,
צער פון אויסגעלאָשענע פייערן,
צער פון וועלק און צעשווימען,
צער פון אויפלעזן זיך,
צער פון באַהעפטונג מיט אייביקייטן...
צער — — —
אויסגעלעבט,
דער קאָפּ וואַקלט זיך,
די ליפּן ציטערן,
די קניען בייגן זיך...
די מאָן־בעכערלאַך וויגן זיך
ביי די סאָד־ראַנדן,
וויגן זיך, וויגן זיך
און טראָגן זייערע האַרבסט־בענקשאַפטן
דעם פאַראומערטן טאָג אַקעגן.

— ס'איז האַרבסטיק,
אומעטיק! — — — —

— רבקה! רבקה! —
דעם סעדערניק'ס רופן
ציטערט פון אונטער די נאַקעטעביימער אַפּער:
— זע,—
דער בושל איז אַוועקגעפלויגן!
אַט פליט ער! אַט פליט ער! —
ווייזט ער מיטן האַנט צום הימל אַרויף.
ווי אַן אָדלער, מיט פליגלען צעפּאַכטע,
טראָגט ער זיך שוועבנדיק איבער דער בזורע;
ער זעגלט, ווי אַ שוואַן ווייסער,
הויך, הויך אונטער די וואָלקנס,
ווייט, ווייט, פליט ער מיט געזאַנגען
און פלאַטערט, פלאַטערט
צו זיין אויסגעבענקטן זון-לאַנד! — — — —

צום הימל פאַרוואָלקנטן —
מיט קעפּ פאַריסענע — שטייען זיי,
ווי צוויי סטאַטועז.
זייערע אויגן פייכטן,
זייערע טרוימען לעשן זיך,
זייערע הערצער קלאַפּן —
פון פרייד? צי פון צער? —
ווער ווייסט?...
ס'איז האַרבסטיק, ס'איז אומעטיק,
שווערע וואָלקנס ציען איבער די הויכן,
ווינטן זשוזשען צווישן די נאַקעטע צווייגן.
באַלד וועט אַ רעגן אַ כלאַפּע טאָן איבערן סאָד.